STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02165

DER FINFYORPLAN

Michael Farbman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. פארבמאן

דער פינפיאָרפּלאַן

„פּיאַטילעטקאַ“

יידיש: א. ווײַנער

קאאפּעראַטיווער פאַרלאַג „קולטור-ליגע“, וואַרשע

Printed in Poland

M. FARBMAN
DER FINFJORPŁAN
„PIATILETKA"

Spółdz. Wyd. „Kultur-Liga"
Warszawa 1931

געדרוקט אין 1000 עקזעמפּלאַרן

געזעצט אין „הומאַניטע", שוו.-יערסקע 32.
Druk. G. Piment, Sierakowska 4

ערשטער טייל

רוסלאַנד אין יאָר 1930

I. דער פינפיאָרפּלאַן

וואָס אויפמערקזאַמער מען קוקט זיך צו צו די געשעענישן אין היינטיקן רוסלאַנד, אַלץ קלאָרער ווערט, אַז דאָרט קומט־פאָר עפּעס אויסערגעוויינלעכס, וואָס קאָן נישט אַנדערש באַצייכנט ווערן, ווי דער אָנהויב פון אַ ווירטשאַפטלעכער רעוואָלוציע. אויף טריט און שריט זעען מיר אויסערלעכע סימנים פון דער דאָזיקער רעוואָלוציע, זיי דרינגען דורך דאָס גאַנצע פּאָליטישע, ווירטשאַפטלעכע און סאָציאַלע לעבן פון לאַנד. אין שיין פון די גוואַלדיקע, טיפגרייפנדע פאַרענדערונגען, וואָס דער פינפיאָרפּלאַן האָט אַרויסגערופן אין דער אינדוסטרי, אין דער לאַנדווירטשאַפט, אין סאָציאַלן און קולטורעלן לעבן, זעט די אָקטאָבער־רעוואָלוציע אויס ווי אַ דראַמאַטישער עפּיזאָד, נישט מער ווי אַן „אָנזאָג און פינסטערע פאָרשפּיל" צו דער ווירקלעכער און פּיל בייזערער רעוואָלוציע, וואָס איז געקומען מיט צען יאָר שפּעטער.

און אינטערעסאַנט: קיין שום זאַך האָט די לעצטע יאָרן נישט געוויזן אויף דער אוממיטלבאַרער געפאַר פון אַ נייער רעוואָלוציע. עס האָט זיך געדוכט, אַז די רעוואָלוציאָנערע כוחות פון לאַנד זענען כמעט ווי אויסגעשעפּט. מען האָט געמיינט, אַז די רעוואָלוציע טרעט שוין אָפּ איר פּלאַץ דער עוואָלוציע, אַז אָט ווערן שוין די קאָמוניסטן אויס פּאַרטיי פון רעוואָלוציאָנערן, נאָר אַ מיושבדיקע גרויסע פּאַרטיי, בלויז אַ טרייע היטערין פון די רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס. ווייל — מ'מוז אָנערקענען,

אַז די נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק (נעפּ), וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דורך לענינען אין יאָר 1921, האָט טאַקע אין אַ געוויסער מאָס געפירט צוריק צום אידעען-גאַנג פונם עוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם. ווען לענין האָט פּראָקלאַמירט זיין נעפּ-פּאָליטיק, האָט ער אויסדריקלעך דערקלערט, אַז די נייע סיסטעם ווערט פאַרטראַכט נישט אַלס צייטווייליקע, פאָראיבערגייענדיקע דערשיינונג, נאָר אויף ערנסט און אויף לאַנג. און אַז ער האָט ווירקלעך אַזוי געמיינט, און נישט בלויז געוואָלט דערמיט באַרויקן די מיטלקלאַסן — דאָס איז אויסער יעדן ספק. קיינער האָט נישט געצווייפלט אין לענינס אויפריכטיקייט. און מיר פאַרמאָגן אויך גענוג באַווייזן דערויף, אַז לענין איז דאָס לעצטע יאָר אָדער צוויי פון זיין לעבן מער ווי ווען-נישט-איז געווען איבערצייגט אין דער ריכטיקייט פון „נעפּ". ס'איז אים דאַן געלונגען צו געווינען פאַר זיינע געדאַנקען אפילו די פּאַרטיי-אָפּאָנענטן, וועלכע האָבן ביז דאַן באַטראַכט דעם „נעפּ" בלויז פאַר אַ טאַקטישן עפּיזאָד אין דער סאָציאַליסטישער פּאָליטיק.

אַלזאָ, דאָס לאַנד האָט זיך אָנגעהויבן באַרויקן, דאָס רעוואָלוציאָנערע געוויטער האָט זיך געשטילט, און אַ נייע אָריענטאַציע האָט זיך באַוויזן, וועלכע האָט, לויט לענינס ווערטער, געזאָלט דערציען די קאָמוניסטן פאַר „גוטע געשעפטסלייט". אַז מען האָט צוריק געעפנט דעם מאַרק און מען האָט שטילשווייגנדיק אָנערקענט דאָס פּריוואַט-אייגנטום, איז פאַרענדערט געוואָרן נישט בלויז די ווירטשאַפט פון לאַנד, נאָר אויך די פּסיכאָלאָגיע פון פאָלק. פּאָליטיש האָט דאָס אָפּזאָגן זיך פונם קריגס-קאָמוניזם געמעגט פאַרטראַכט ווערן נישט אַלס צוריק-קער צום קאַפּיטאַליזם, אפילו נישט אַלס צייטווייליקער, אָבער ווירטשאַפטלעך איז דאָס אָן שום ספק געווען אַזאַ צוריק-קער. דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל האָט זיך דאַן בליץ-שנעל געשטעלט ווידער אויף די פיס; קוים צוויי יאָר נאָכן דערקלערן דעם „נעפּ" האָבן זיך שוין כמעט 90 פּראָצענט פון אויפגעלעבטן דעטייל-האַנדל געפונען אין פּריוואַטע הענט. אפילו דעם גרויס-האַנדל, אַט די זיכערסטע פעסטונג פון דער נייער סאָוועטישער מלוכה, האָט אויך דער פּרי-

וואַטער קאַפּיטאַל געגומען אַזוי שטורמען, אַז זיינע פונדאַ־מענטן האָבן זיך אַלץ שטאַרקער אָנגעהויבן צו טרייסלען. אין יאָר 1923 האָט דער אָנטייל פון פּריוואַטן קאַפּיטאַל אינם גרויס־האַנדל באַטראָפן קוים 10 פּראָצ., אין יאָר 1924 — שוין איבער 30 פּראָצענט.

קליינע אַטאַקעס אויפן „נעפּ" האָבן זיך אָנגעהויבן נאָך אין יאָר 1925, ווען מ'האָט ביי אַ טייל נעפּלייט צוגענומען די עק־זיסטענץ־מעגלעכקייט דורך הויכע שטייערן, און אַנדערע האָט מען גאָר פאַרשיקט קיין סיביר, פאַר „ספּעקולאַציע". אָבער די דאָזיקע שריט האָבן געהאַט נאָר אַ פּאָליטישן זינען; ווירט־שאַפטלעך איז די נייע פּאָליטיק געווען אַזוי פּאַרפּעסטיקט, אַז בייקומען ז' איז געווען נישט אַזאַ לייכטע זאַך. אויב אפילו דער דאָזיקער מאָמענט איז נישט געווען דער טערמידאָר פונם באָלשעוויזם, ווי טראָצקי האָט געוואָרנט, איז אָבער די געפאַר פון טערמידאָר בלי־ספק געוואָרן שטאַרק נאָענט. אָבער לעניגס „נעפּ" איז אין ווירטשאַפטלעכער הינזיכט געווען אַזאַ מוז, אַז די פירער פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי האָבן ליבער אָנ־געהויבן אַ קאַמף קעגן זייער אייגענעם לינקן פליגל, איידער קעגן די קולאַקעס (רייכע פּויערים), ווי טראָצקי האָט דאָס פאַר־לאַנגט. אָנהויב 1930 האָט סטאַלין, אין אַ רעדע וועגן די יסודות פונם נייעם סאָציאַליסטישן אָנגריף אין שטאָט און דאָרף, אַזוי דערקלערט, פאַרוואָס ער האָט דעם פאַרלאַנג פון טראָצקין צו באַקעמפן די קולאַקעס געהאַלטן אין יאָר 1927 פאַר צו פרי און קינדיש: אין 1927 זענען די דאָרפישע נעפּלייט געווען נאָך די הויפּט־צושטעלער פון די לעבנס־מיטלען, און יעדער פּרווו זיי צו באַקעמפן וואָלט זיך געמוזט ענדיקן מיט אַ צעשמעטערנדיקער מפּלה פון די קאָמוניסטן. ערשט אין יאָר 1929, ווען דער פאַר־נעזעלשאַפטלעכטער סעקטאָר פון דער לאַנדווירטשאַפט איז שוין געוואָרן געגוג גרויס צו מאַכן די מלוכה אומאָפּהענגיק פון די קולאַקעס — ערשט דאַן האָט מען געקאָנט אָנהויבן קלערן וועגן אַ ממשותדיקן קאַמף מיט זיי. „אַן אָנגריף אויף די קולאַקעס — זאָגט סטאַלין — איז געווען זייער אַ שווערע מלאכה, גאָר עפּעס

אַנדערש, ווי בלויז אַ ווערטער־אָנגריף אָדער שיקאַנעס. און גראָד דערצו האָט געשטופּט די אָפּאָזיציע פון זינאָוויעוו־טראָצקי. האַנדלען קעגן די קולאַקעס באַדייט פאַרניכטן זיי, ליקווידירן זיי אַלס קלאַס".

דאָס יאָר 1928 איז געווען אַ גרויסער ווענדפּונקט; אין דעם יאָר האָט נישט נאָר דער קלאַסנקאַמף צוריק אויפגעלעבט, נאָר ס'איז אויך געלונגען דער רעגירונג דורך אַ גראַנדיעזן ווירטשאַפט־פּלאַן, געבויט אויף סאָציאַליסטישע יסודות, צו באַגייסטערן און מיטצורייסן די שטאָטישע אַרבעטער. עס איז שווער צו דערקלערן, פאַרוואָס און וויאַזוי דער פּראָיעקט פון נאַציאָנאַלן ווידעראויפבוי, ווי ער איז פאַרקערפּערט אין דעם ריזיקן פינפיאָרפּלאַן, האָט אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ נייער רעוואָלוציע. ווען איך האָב אין 1929 צום ערשטן מאָל באַטראַכט די נייע פאַרהעלטנישן פון דער נאָענט, האָב איך אייגנטלעך נישט געוווסט, צי געפין איך זיך אין אַן אַטמאָספער פון מלחמה אָדער רעוואָלוציע. עפּעס פון די ביידע איז געלעגן אין דער לופטן. די באַגייסטערונג און טעמפּעראַמענט־אויסברוכן זענען געווען סימנים פון אַ רעוואָלוציע, און די קאָנצענטרירטקייט פון די כוחות, די גוואַלדיקע אַקטיווקייט, דער אַפּעל, אָדער אפילו צוואַנג צו דער העכסטער אָנשטרענגונג פון די כוחות און צו די גרעסטע קרבנות, האָבן דערמאָנט אין מלחמה־יאָרן.

ביי מיין צווייטן באַזוך, אין זומער 1930, האָט זיך דער דאָזיקער איינדרוק נאָך פאַרשטאַרקט. די אויסזיכטן זענען געווען נאָך אומקלאָרער, די באַפעלקערונג האָט געשפּירט נאָך גרעסערע נויט, די אויפגאַבן צום לעזן זענען געווען נאָך שווערער און קאָמפּליצירטער. אָבער טראָץ דער „קריגסמידיקייט", איז דער ענטוזיאַזם אין אַ סך שיכטן פון דער באַפעלקערונג געווען נישט נעבראָכן. די פּראָפּאַגאַנדע איז בלי ספק איצט געפירט געוואָרן אינטענסיווער און אַגרעסיווער, דאָס אונטעריאָגן צו אַרבעטן איז געוואָרן שטרענגער און האַרטנעקיקער. דאָס לאַנד האָט זיך געפונען אין אַ צושטאַנד צווישן רעוואָלוציע און מלחמה, אָבער ז'האָט געהערשט גאָר אַן אַנדער גייסט, ווי אין די ביידע

צייטן. דאָס כאַראַקטעריסטישסטע אין דער לאַגע איז געווען דער פּרווו דורכצוזעצן דעם ריזיקן ווירטשאַפטפּלאַן דורך ווירקן אויף דער פּסיכאָלאָגיע פון די מאַסן.

פאַר דער איצטיקער סטאַדיע פון דער רעוואָלוציע איז כאַראַקטעריסטיש איר דראַמאַטישע אומגעריכטקייט און קאָלאָסאַלער שווונג. די דאָזיקע סטאַדיע וועט איבערגיין אין דער געשיכטע, ווי אַ דרייסטער פּרווו נישט נאָר צו פאַרענדערן די אייגנטום-פאַרהעלטנישן און די קלאַסן-גלידערונג, נאָר די נאַטור גופא פונם מענטשן. ווייל די ווירטשאַפטלעכע רעוואָלוציע, וואָס קומט איצט פאָר, קאָן נישט רעכענען אפילו אויפן מיני-מאַלסטן דערפאָלג, ביז וואַנען זי וועט נישט ראַדיקאַל ענדערן די גאַנצע גייסטיקע איינשטעלונג פון די אַרבעטער און די פּראָדוקטיווקייט פון זייער אַרבעט.

ווי אַזוי איז אַנטשטאַנען דער פּלאַן

כאָטש לענין איז שוין טויט 7 יאָר, דאָך איז ער דער, וואָס האָט געגעבן די איניציאַטיוו צו דעם פינפיאָרפּלאַן, ער איז זיין אייגנטלעכער מחבר. קיינער האָט נישט אַזוי קלאָר פאַרשטאַנען, ווי לענין, אַז כדי צו באַגייסטערן די אַרבעטער צו גרויסע רעוואָלוציאָנערע מעשים, מוז מען פאַר זיי שטעלן גרויסע, איינפאַכע און קלאָרע צילן. און טאַקע האָבנדיק אין זינען אַזאַ מין מאָביליזאַציע פון דער פאָלקס-שטימונג, האָט ער אין יאָר 1922 באַפולמעכטיקט אַ גרופּע אינזשיניערן אויסצואַרבעטן אַ פּלאַן פון עלעקטריפיצירן רוסלאַנד. מיט דעם דאָזיקן פּלאַן האָט ער זייער שטאַרק אינטערעסירט און פלעגט וועגן אים ריידן, אַז דאָס איז די אמתע פּראָגראַם פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. צו יענער צייט זענען אָבער די ווירטשאַפטלעכע פאַרהעלטנישן געווען אַזוי אומגינסטיק, אַז דער פּלאַן האָט נישט אַרויסגערופן די געוווּנטשענע באַגייסטערונג. דער עולם האָט דעם פּלאַן געקרויּנט מיטן נאָמען „עלעקטראָפיקציע" — אַנשטאָט עלעקטריפיקאַציע, און אויסער צוויי-דריי עלעקטרישע סטאַציעס,

וואָס זענען אויפגעבויט געוואָרן, איז דער פּלאַן אַ לאַנגע צייט געבליבן נאָר אויפן פּאַפּיר.

אָבער נישט געקוקט דערויף, איז לעניגס אידעע נישט געווען טויט. די מלוכהשע פּלאַן-קאָמיסיע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אויף אויסצואַרבעטן דעם עלעקטריפיצירונגס פּלאַן, איז געבליבן ווייטער עקזיסטירן און מיט דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מיןווירטשאַפטס-סענאַט, וועלכער האָט אין זיין באַדייטונג איבערגעשטיגן אַלע איבעריקע מיניסטעריומס און האָט זיך פּאַמעלעך דערוואָרבן דאָס רעכט אויפן לעצטן וואָרט אין אַלע פינאַנסיעלע, ווירטשאַפטלעכע, סאָציאַלע און אפילו קולטורעלע פראַגן. די טענדענץ גייט בלי שום ספק אין דער ריכטונג, אַז די מלוכהשע פּלאַן-קאָמיסיע זאָל סיי פאָרמעל און סיי פאַקטיש ווערן דער וויכטיקסטער רעגירונגס-אָרגאַן אין לאַנד.

אין יאָר 1923 האָט די קאָמיסיע געבראַכט דעם ערשטן פּראָיעקט פון אַ פינפיאָרפּלאַן, דעם אַזוי גערופענעם „פּער-ספּעקטיוו-פּלאַן פון דער אַנטוויקלונג פון דער מעטאַל-אינדוסטרי אין די יאָרן 23—1927". און ווייל אַזויפיל איגדוסטרי-צווייגן זענען אָפּהענגיק פון דער שווער-אינדוסטריעלער פּראָדוקציע, קען מען דעם דאָזיקן פּלאַן באַטראַכטן פאַר דעם ערשטן פּראָיעקט פון דער „פּיאַטילעטקאַ . אין פאַרגלייך מיט דער איצטיקער „פּיאַטילעטקאַ" און מיטן עלעקטריפיקאַציע-פּלאַן פון יאָר 1921 איז דער דאָזיקער פּלאַן צו אַנטוויקלען די מעטאַל-אינדוסטרי געווען זייער אַ באַשיידענער, אָבער די דעמאָלטיקע פאַרהעלטנישן האָבן נישט דערלויבט אונטערצונעמען קיין העראָישע שריט. די אייזן-פּראָדוקציע איז צו יענער צייט געווען געפאַלן ביז 7 פּראָצ. פון דעם פאַרמלחמהדיקן צושטאַנד. די מחברים פון ערשטן פּלאַן האָב געהאַט די באַשיידענע אַמביציע בלויז דרייפאַכיק צו פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע אין פאַרלויף פון 5 יאָר.

אין דער דאָזיקער צייט פון שווערסטן ווירטשאַפטלעכן קריזיס האָבן די באָלשעוויסטישע פּאָליטיקער און עקאָנאָמיסטן נישט

געזוען קיין אַנדער וועג פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון רוסלאַנד, ווי נאָר דערשלאָגן זיך פרעמדע הילף אין דער פאָרם פון הלוואות, קרעדיטן אָדער קאָנצעסיעס.

אַפילו די גרעסטע אָפּטימיסטן האָבן נישט געקלערט וועגן אַזאַ מעגלעכקייט, אַז רוסלאַנד זאָל אַליין אָדער כמעט אַליין, מיט אייגענע מיטלען און אייגענע כוחות, קאָנען זיך לאָזן אויפן וועג פון דרייסטעווירטשאַפטלעכע פּלענער. די וועלט האָט געוווּסט, אַז די באָלשעוויקעס דאַרפן דרינגענד געלט, — און מען האָט געהאָפט, אַז די נויט אין קאַפּיטאַלן וועט צווינגען די באָלשעוויקעס צו קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג מיט דעם קאַפּיטאַליזם פון מערב-אייראָפּע.

אין יאָר 1924 האָבן די באָלשעוויקעס געמיינט, אַז זייערע האָפענונגען אויף אויסלענדישע הלוואות זענען נאָענט צו ווערן רעאַליזירט. איך דערמאָן דאָ בלויז די אונטערהאַנדלונגען צווישן דער ערשטער ענגלישער אַרבעטער-רעגירונג און דער ראַטן-רעגירונג וועגן אַ הלוואה פאַרן ראַטן-פאַרבאַנד, גאַראַנטירט דורך ענגלאַנד. די הלוואה, וועגן וועלכער מ׳האָט גערעדט, איז אַפילו געווען אַ קליינע און אויף שווערע באַדינגונגען, דאָך האָט מען זי אין רוסלאַנד פריידיק אויפגענומען, אַלס אַ סימן, אַז מען ווערט ענדגילטיק פּטור פון דער פינאַנס-בלאָקאַדע, און אַלס התחלה פון נאָך ווייטערדיקע אינטערנאַציאָנאַלע אָפּמאַכן. אין ענגלאַנד איז די הלוואה קיינמאָל נישט געווען פּאָפּולער, און די פּונקטן וועגן דער ענגלישער גאַראַנטיע האָבן — לויט דער אַלגעמיינער מיינונג — געוואָרפן אַ טונקעלע שיין אויף די מלוכהשע פּ־יקייטן פון מאַקדאָנאַלדן. די קאָנסערוואַטיווע רעגירונג, וועלכע איז געקומען נאָכן פאַלן פון דער אַרבעטער-רעגירונג, האָט נישט געגעבן איר צושטימונג צום ענגליש-סאָוויעטישן אָפּמאַך, און זי האָט באַלד צוריקגעשטעלט די פינאַנס-בלאָקאַדע. דערמיט האָבן די קאָנסערוואַטיסטן געצילט צו געבן אַ קלאַפּ די באָלשעוויקעס, יענע זאָלן זיך איבערצייגן, אַז דער ווירטשאַפטלעכער ווידער-אויפבוי פון רוסלאַנד איז אַן אַבסאָלוט פאַרשפּילטע זאַך.

ס׳האָט קיין זין נישט צו ברעכן זיך דעם קאָפּ, וואָס וואָלט

געוועזן, ווען די בלאָקאַדע וואָלטן נישט צושטאַנד געקומען? איך מיין אָבער, אַז איך וועל נישט מאַכן קיין טעות, אויב איך וועל זאָגן, אַז אַ ווידעראויפבוי פון רוסלאַנד מיט דער הילף פון אויסלענדישן קאַפּיטאַל וואָלט גאַנץ אַנדערש אויסגעזען, ווי די איצט אָנגעהויבענע אינדוסטריאַליזאַציע אויף סאָציאַליסטישע יסודות, לויטן פּינפיאָרפּלאַן. איך מיין, אַז אין 1924 יאָר וואָלט דאָס אינוועסטירן פון אויסלענדישן קאַפּיטאַל נישט נאָר געווען באַ־רעכטיקט דורך רוסלאַנד׳ס ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, נאָר אַז דאָס איז געווען די איינציקע מעגלעכקייט צו שטאַרקן יענע כּוחות, וועלכע זענען פאַראינטערעסירט געווען אין אַ פאַרשטענ־דיקונג צווישן רוסלאַנד און מערב־אייראָפּע. וואָלטן די מערב־מלוכות ווירקלעך געהאַט דעם ערנסטן פאַרלאַנג צו באַקומען אַן איינפלוס אינם לאַנד פון דער רעוואָלוציע, וואָלטן זיי באַדאַרפט מיט פרייד זיך אָנכאַפּן פאַר דער מעגלעכקייט און פאַרזאָרגן דאָס לאַנד מיט קאַפּיטאַלן, וועלכע זענען נויטיק געווען פאַר זיין ווידעראויפבוי. ווי באַוווסט, האָבן אָבער די מערב־מלוכות זיך געלאָזט אויף אַן אַנדער וועג, אויפן וועג פון ווייטער אויס־הונגערן רוסלאַנד.

די באָלשעוויקעס האָבן דערזעען די שרעקלעכע אַלטער־נאַטיווע, פאַר וועלכער דאָס לאַנד איז געוואָרן אַוועקגעשטעלט: אָדער סאָציאַלער און ווירטשאַפטלעכער אונטערגאַנג, אָדער אַ פאַרצווייפלטער פּרווו שטעלן זיך אויף די פיס, זיך אויפצובויען דורך דער אָנזאַמלונג פון אייגענע מיטלען.

די אַקומולאַציע (אָנזאַמלונג) פון קאַפּיטאַל האָט געמוזט זיך אָנהויבן אינגאַנצן פונדאָסניי, פון סאַמע אָנהויב, אָבער זי האָט זיך אָנגעהויבן. לאַנגזאַם, תּחילת כּמעט אומבאַמערקבאַר, מיט אַ סך אומדערפאָלגן און שטרויכלונגען האָט זיך אָנגעהויבן זאַמלען געלט. אַרום יאָר 1923 זענען שוין די אַלטע פאַבריקן צוריק געווען אויפגעשטעלט, זיי האָבן אָבער געאַרבעט מיט זייער אַ קליינעם פּראָפיט, וואָס האָט קוים געקלעקט אויף אונטערצוהאַלטן די פאַבריקן אין גאַנג. די ערשטע, און זייער באַשיידענע, נייע אינוועסטיציעס זיינען געמאַכט געוואָרן אין יאָר 1925, אָבער ערשטן

אין יאָר 1927 האָט די אַלגעמיינע פּראָדוקציע פון לאַנד דער־גרייכט איר פאַרמלחמהדיקן צושטאַנד. דערמיט איז געוואָרן פאַרענדיקט דער פּעריאָד פון „רעסטאַווורירן", און ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער פּעריאָד פון „רעקאָנסטרוקציע".

און דאָ האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן די אייגנטלעכע שוועריקייטן. נאָר אָפּטימיסטן פון ריינסטער פּראָבע האָבן געקאָנט גלויבן, אַז איינאָרדנען אַ נייע פאַבריק אָן פרעמדן קאַפּיטאַל קאָן מען אויך פונקט אין אַזאַ שנעלן טעמפּ, ווי אויפשטעלן אַן אַלטע. די רעאַל־פּאָליטיקער פון ריסלאַנד האָבן פאָרויסגעזאָגט, אַז דער טעמפּ וועט מוזן ווערן באַדייטנד פאַרלאַנגזאַמט. אפילו די מיטגלידער פון דער מלוכהשער פּלאַן־קאָמיסיע זענען, טראָץ זייער אַלגעמיינעם אָפּטימיזם, אויך געווען געצוויגט צו דער דאָזיקער מיינונג. אין די פאַרעפנטלעכטע קאָנטראָל־ציפערן פון יאָר 1927 האָבן זיי פאָרויסגעזאָגט, אַז „דער פּראָצענטועלער צוואַקס פון דער פּראָדוקציע" וועט אין די 5 יאָר פון 1927/28 ביז 1931/32 אַזוי אויסזעען:

1927–28	—	16.3
1928–29	—	13.1
1929–30	—	13.7
1930–31	—	10.5
1931–32	—	10.5

אָבער נאָך צום סוף פון זעלביקן יאָר האָט די פּ׳אַן־קאָמיסיע שוין רעווידירט איריע פאָרויסזאָגונגען אויף אַזאַ אופן:

1927–28	—	18.1
1928–29	—	16.6
1929–30	—	17.6
1930–31	—	13.8
1931–32	—	12.8

די דאָזיקע ציפערן זענען גינסטיקערע פאַר די פריערדיקע. דאָך האַלט זיך די מלוכהשע פּלאַן־קאָמיסיע אויך דאָ ביי דער

הנחה, אַז דער טעמפּ וועט מוזן ווערן אַ מער לאַנגזאַמער. אָבער אין אויגוסט 1928, ווען ס'איז פּאַרטיק געוואָרן דער ערש־טער פּראָיעקט פון דער „פּיאַטילעטקאַ", האָט די קאָמיסיע גע־מוזט נאָכאַמאָל גרינטלעך רעווידירן אירע ציפערן. ווייל צום סוף יאָר 1927/28 האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פּראָדוקציע איז גע־שטיגן נישט אויף 16.3 פּראָצענט, ווי מ'האָט פאָרויסגעזאָגט אין אויגוסט (1927), און נישט אויף 18.1 פּראָצ., ווי מ'האָט געשאַצט אין דעצעמבער (1927), נאָר אויף גאַנצע 24.9 פּראָצענט. דער דאָזיקער פאַקט, אַז דער צוואוקס פון דער פּראָדוקציע האָט באַטראָפן אין ערשטן יאָר פונם ווידעראויפבוי כמעט 25 פּראָצ., האָט געמאַכט אויף די פּאָלקס־קאָמיסאַרן און אויף דער גאַנצער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אַזאַ גרויסן איינדרוק, אַז פון דעמאָלט־אָן קוקט מען שוין אויף דער טעאָריע וועגן פאַרלאַנגזאַמטן טעמפּ, ווי אויף אַן אומוויסנשאַפטלעכע און רעאַקציאָנערע טע־אָריע. די ענדגילטיקע ציפערן פונם פינפיאָרפּלאַן (אויף די יאָרן 1929—33), וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דעצעמבער, גייען שוין אַרויס פון דער הנחה, אַז די פּראָדוקציע וועט שטייגן נישט אין אַ לאַנגזאַמערן טעמפּ, נאָר אין אַ ראַשיקערן. אָט זענען די ציפערן:

1928—29	—	21.9
1929—30	—	20.2
1930—31	—	21.8
1931—32	—	22.6
1932—33	—	22.6

אָבער אויך די דאָזיקע ציפערן זיינען נאָך נישט די לעצ־טע אַספּיראַציע פון די באָלשעוויקעס; זיי זענען איבערצייגט, אַז „פּלאַנווירטשאַפט" קאָן פירן צו נאָך אַ שנעלערן אייפשוואונג.

II. די פּראָפּאַגאַנדע פאַר „מער אַרבעט"!

דעם פינפיאָרפּלאַן קאָן מען באַטראַכטן פון די פאַרשידנ־סטע שטאַנדפּונקטן. מ'קאָן אים באַטראַכטן פשוט ווי אַן אַרבעט־

פּראָגראַם ד. ה. ווי אַ שקיץ פון פּראָיעקטירטע אַרבעטן אויף די געביטן פון קוילן-גרובן, טראַנספּאָרט, כעמיע, עלעקטרי, מאַשינען-בוי, וואַלד- און לאַנד-ווירטשאַפט, אָדער מען קאָן צו אים צוגיין ווי צו אַ פינאַנס-פּראָגראַם וועגן שטייערן, הלוואות, אויסגאַבן און אינוועסטיציעס. מ׳קאָן דעם הויפּט-געוויכט לייגן אויף דער בילדונגס-פּראָגראַם, ד. ה. אויף די פּרוּוון צו הויבן דעם קולטור-ניוואָ דורך אויסבילדן הונדערטטויזנטער טעכניקער, אינזשיניערן און אָרגאַניזאַטאָרן. מען קאָן ווייטער דעם פּלאַן באַטראַכטן פון שטאַנדפּונקט פון מיליטערישער שוץ-גרייטקייט, אָדער למשל פון דעם שטאַנדפּונקט, ווי ווייט ער העלפט צו פאַרוואַנדלען רוסלאַנד אין אַ ווירטשאַפטלעך-אומאָפּהענגיק לאַנד, ווי ווייט ער העלפט אויסצוברייטערן די ווירטשאַפטלעכע יסודות פון דער סאָציאַליסטישער מלוכה. אָבער פון וועלכן שטאַנדפּונקט מען זאָל נישט באַטראַכטן די „פּיאַטילעטקאַ" איז אין איר אַליין נישט פאַראַן קיין שום רעוואָלוציאָנערעס, אַפילו נישט אין אירע גיגאַנטישע מאַסשטאַבן.

נישט דער קאָלאָסאַלער סכום פון כוחות, וואָס מ׳לייגט אַריין כדי צו פאַרווירקלעכן די „פּיאַטילעטקאַ", נישט איר אומגעהויערער פאַרנעם, און נישט די ענערגיע, וואָס ווערט פאַרבונדן — נישט דאָס גיט צו אַ רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער דעם פינפיאָרפּלאַן. די עיקר באַזונדערקייט באַשטייט אין דעם, וואָס דאָ שטרעבט מען נישט בלויז צו אַ נייער טעכניק, נאָר אויך צו אַ נייעם גייסט, נישט בלויז צו מאָדערנע מאַשינען, נאָר אויך צו אַ גאַנץ אַנדערער באַציונג צו די מאַשינען. דער הויפּט-אונטערשיד צווישן רוסלאַנד און מערב-אייראָפּע באַשטייט סוף-כל-סוף אין דער פּראָדוקטיווקייט פון דער אַרבעט. רוסלאַנד איז געווען אָרעם און צוריקגעשטאַנען, נישט ווייל די רוסן האָבן וויניקער געאַרבעט, נאָר ווייל די פּראָדוקטיווקייט פון זייער אַרבעט איז געווען אַ קליינע. ווירטשאַפטלעכער פאָרשריט קאָן קומען נאָר אויפן וועג פון הויבן די פּראָדוקטיווקייט פון דער אַרבעט, און דאָס געשעט געוויינלעך אויפן וועג פון עוואָלוציע, ווייל די פּראָדוקטיווקייט לאָזט זיך נישט הויבן מיט־

אָמאָל, ס'איז לויט זיין עצם אַ גאַנץ ,אַנגזאַמער פּראָצעס. אַז מען יאָגט אָבער די פּראָדוקטיוויקייט אין דער הויך אין פאַר־לויף פון אַ קורצער צייט — איז די ווירקונג דערפון אַ רעוואָ־לוציאָנערע. און פאַר דער איצטיקער רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע איז טאַקע כאַראַקטעריסטיש דער באַוווּסטזיין פון דער נויטיקייט צו העכערן די פּראָדוקטיוויקייט פון דער אַרבעט און די באַמי־ונגען וואָס גיכער דאָס צו דערגרייכן.

די פּראָדוקטיוויקייט פון דער אַרבעט איז אָפּהענגיק פון צוויי פאַקטאָרן: ערשטנס, פון דעם סכום מעכאַנישער קראַפט, וועלכער ווערט פאַרווענדט; צווייטנס, פון דער אַרבעטזאַמקייט און פלינקייט פון די אַרבעטער. נייע פאַבריקן, ריזיקע עלעקט־רישע סטאַציעס, נייע מאַשינען און ווערקצייג זענען געוויס נוי־טיקע פאַרבאַדינגונגען אויף צו העכערן די פּראָדוקטיוויקייט, אָבער אין לעצטן סך הכּל דעצידירט פאַרט די מענטשלעכע אַרבעט, ד. ה. אויף וויפל די אַרבעטערשאַפט האָט דעם ווילן און איז פעיק אויסצונוצן די מאַשינען ביז צו דער העכסטער מדרגה. דאָס פאַרשטייט מען איצט זייער גוט אין רוסלאַנד. און דערי־בער טאַקע פירט מען אַזאַ גרויסע פּראָפּאַגאַנדע, אין דער פּרעסע און אין די פאַבריקן גופא, פאַר מער אַרבעט, פאַר וואָס בעסערע און אינטענסיווערע אַרבעט. מער אַרבעט און בעסערע דערפאָלגן אין דער אַרבעט — דאָס איז דער סימן פון אמתער און גרוי־סער איבערגעגעבנקייט צו דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט. און עס ווערן געלאָזט אין גאַנג און אויסגעפּרובירט אַלע מעגלעכע מיטלען אויף אַריינצוהאַמערן אין די מוחות אָט דעם אַרבעט־חשק, אָט די מסירת-נפש: מען פּרובירט אויס חניפה, איינרעדן, אָנשרעקן, דראָען, בעטן, אַפּעלירן צום נאַציאָנאַ,ן שטאָלץ פון די אַרבעטער. און דערפאַר איז אַזאַ נצחון-טאָן אין דער קאָמוּ־ניסטישער פּרעסע, ווען זי קאָן באַריכטן, אַז אַ גרופּע אַרבעטער האָבן זיך געפרייט מיט דער געהעכערטער פּראָדוקטיוויקייט פון זייער אַרבעט, און דאָס נישט צוליב מער פאַרדינען, נאָר ב'ויז פון ליבע צו דער אַרבעט.

III. סאָציאַליסטישע געוועטן

ס'איז שווער אויסצורעכענען אַלע מיטלען, וואָס ווערן אָנגעווענדעט אויף צו פּראָפּאַגאַנדירן דעם לאָזונג פון מער אַרבעט. און ווי בכלל די פּראָפּאַגאַנדע אין ראַטנפאַרבאַנד, ווערט אויך די דאָזיקע פּראָפּאַגאַנדע געפירט אין אַ מיליטערישן זשאַרגאָן, וואָס באַשווערט אָפּטמאָל צו פאַרשטיין דעם אינהאַלט. אָן שום ספק זענען אַ געוויסער טייל פון די באַריכטן וועגן דער איבערגעגעבנקייט און באַגייסטערונג אויסגעטראַכט. אָבער דאָך מוז איך, פון מיין אייגענער דערפאַרונג און אויפן גרונט פון די דערגרייכטע דערפאָלגן, פעסטשטעלן, אַז די באַוועגונג אַרום מער אַרבעט, הגם זי געפינט זיך נאָך אין איר אָנהויב-סטאַדיע, האָט זי שוין זייער אַ סך דערגרייכט. איך בין פעסט איבערצייגט, אַז די פריערדיקע שלעפעריקייט פון רוסישן אַרבעטער האָט איצט אָפּגעטראָטן איר פּלאַץ פאַר אַן אַקטיווער איינשטעלונג צום לעבן, אַז אין די פאַבריקן און אויף די פעלדער ווערט איצט אַ סך מער און אינטענסיווער געאַרבעט. איך צווייפל בלויז, צי דאָס אָנטרייבן איז טאַקע אַזאַ געזונטער מעטאָד. דער פיבער, די אויפרעגונג און דער אָטעם-פאַרכאַפּנדיקער טעמפּ, וואָס האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן בעת מיין לעצטן באַזוך, האָבן געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ נישט געזונטער און נישט שטאַנדהאַפטיקער דערשיינונג.

דאָס טיפּישסטע און פאַרשפּרייטסטע פּראָפּאַגאַנדע-מיטל איז דער „סאָציאַליסטישער געוועט”: גרופּעס באַזונדערס טיכטיקע אַרבעטער פון איינער אָדער מער פאַבריקן וועטן זיך צווישן אַנאַנד וועגן דער העכסטער מאָס פון אַרבעט. זיי פאַרפליכטן זיך פייערלעך צו אַרבעטן אינטענסיווער, צו פּראָדוצירן מער, ווי די קוואָטע האָט פאַר זיי אָנגעצייכנט, און דערצו נאָך מיט קלענערע קאָסטן און ביי אַ מינימאַלער פאַרשווענדונג פון רוי- און הייץ-מאַטעריאַלן. די דאָזיקע געוועטן האָבן ביסלעכווייז באַקומען אַן ענלעכן כאַראַקטער, ווי למשל פוטבאָל-מעטשן; זיי קומען-פאָר עפנטלעך און ווערן עפנטלעך באַלוינט. דער צושטאַנד

פֿון וועט ווערט טאָג-טעגלעך נאָטירט אויף אַ שוואַרצן טאָוול ביי די פֿאַבריקן, עס ווערט וועגן דעם אין דער פּרעסע געשריבן און אין אַלע וואַנט-צייטונגען ווערן אָט די פּראַגן דיסקוטירט. די זיגערישע גרופּע אָדער פֿאַבריק באַקומט אַ חוץ דעם עפֿנטלעכן לויב, אויך אַ געוויסע באַלוינונג און פּרעמיעס. ס'איז גענוג צו כאַפּן אַ קוק אין ערשטן בעסטן נומער פֿון אַ סאָוועטישער צייטונג, כדי צו זען, ווי ערנסט די רעגירונג און דאָס גאַנצע לאַנד גיבן זיך אָפּ מיט אָט די וועט-מעטאָדן.

פֿאַר מיר ליגט אַן עקזעמפּלאַר „איזוועסטיאַ" פֿון 1 אָקטאָבער 1930, וואָס ברענגט אַ צעטל פּרעמיעס פֿאַר די בעסטע פֿאַבריקן און פֿאַר גרופּעס אָדער איינצלנע טיכטיקע אַרבעטער. די פֿאַבריק „אַמאָ" אין מאָסקווע — צום ביישפּיל — וואָס האָט פּראָדוצירט פֿאַרן יאָר מיט דריי פּראָצענט מער פֿון דער קוואָטע, האָט באַקומען דערפֿאַר אַ פּרעמיע פֿון 750 טויזנט רובל אויף צו בויען אייגענע אַרבעטער-דירות. פֿאַר דעם זעלבן דערפֿאָלג האָט די „לאַפּ" פֿאַבריק אין מאָסקווע באַקומען 500 טויזנט רובל. די „קאַרל-מאַרקס-פֿאַבריק" אין לענינגראַד, וועלכע האָט אויסגעפֿירט איר יאָר-קוואָטע אין 11 חדשים, האָט באַקומען דערפֿאַר 750 טויזנט רובל אויף צו בויען קאָלעקטיווע עס- און פֿאַרוויילונג-זאַלן. די קוילן-גרובן אויפֿן נאָמען פֿון לענין אין קריוואָי ראָג, וואָס האָבן די ערשטע אין יענעם ראַיאָן אויסגעאַרבעט די באַשטימטע יאָר-קוואָטע, האָבן אויך באַקומען 300 טויזנט רובל צו בויען אַרבעטער-דירות. אַ באַזונדערע באַלוינונג האָט באַקומען די אייזן-פֿאַבריקן „איליטש" אין כאַרקאָוו, וועלכע איז צום 23 סעפּטעמבער שוין פֿאַרטיק געוואָרן מיט דער קוואָטע פֿאַרן גאַנצן יאָר און האָט „דעם לאַנד אַ מתנה געגעבן אַ פּראָדוקציע פֿון 58 מיליאָן רובל". פֿיר פֿון די טיכטיקסטע אַרבעטער און צוויי פֿון די אינזשינירן האָבן באַקומען סטיפּענדיעס אויף צו פֿאָרן זיך קוואַליפֿיצירן אין אויסלאַנד. און צוזאַמען מיט די לויב-אויסצייכנונגען ברענגט דער זעלבער נומער „איזוועסטיאַ" אַ צעטל אַרבעטער, וואַרשטאַטן און פֿאַבריקן, וואָס

האָבן באַקומען אַ פאָרוואורף, וואָס ווערן געשטעמפּלט פאַר זייער שלעכטער אַרבעט.

די באָלשעוויקעס פאָרשן נאָך די דאָזיקע רובריק אין דער צייטונג מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט און זענען, זעט אויס, איבערצייגט, אַז די דאָזיקע מיטלען וועלן דערפירן צו אַ נייער און העכערער פאָרם פון אַרבעט־דיסציפּלין, און אַז אַזוי וועט געלעזט ווערן די פּראָבלעם פון געהעכערטער „סאָציאַליסטישער פּראָדוקטיווקייט". „עס איז אויסער יעדן ספק — האָט סטאַלין געזאָגט אין אַ רעדע אויפן לעצטן קאָנגרעס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי — אַז די סאָציאַליסטישע געוועטן צווישן די פאַבריקן, אַז די פריידיקע וועט־קאַמפן צווישן הונדערט טויזנטער אַרבעטער זענען איינע פון די וויכטיקסטע, אפשר דער סאַמע וויכטיקסטער עלעמענט פונם ווידעראויפבוי... דאָס כאַראַקטעריסטישע אין די דאָזיקע וועט־קאַמפן איז די פולשטענדיק נייע באַציונג פונם אַרבעטער צו דער אַרבעט, אַ דאַנק וואָס די אַרבעט ווערט פאַרוואַנדלט פון אַ דערנידערנדיקער, שווערער לאַסט, וואָס זי איז געווען ביז איצט, אין ערנפולע און רוםפולע טעטיקייט, זי איז געוואָרן אַ צייכן פון מוט און העראָיזם."

דאָס לעבן אין היינטיקן רוסלאַנד אין אַזוי ראַשיק און אינטענסיוו דער עיקר צוליב דעם באַוווסטזיין פון די מענטשן, אַז עס קומט פאָר אַ גוואַלדיק־גרויסער סאָציאַלער עקספּערימענט. צי איז טאַקע מעגלעך אין משך פון געציילטע עטלעכע יאָר צו דערשלאָגן זיך צו אַ העכערער פּראָדוקטיווקייט אין דער אַרבעט? צי קאָן מען דאָס דערגרייכן דורך אַנדערע רייץ־מיטלען, אַ חוץ דעם סטימול פון געלט־פאַרדינען? צי קאָן מען דאָס דערגרייכן בלויז דורכן געפיל פון שטאָלץ אויף דער אָפּגעטוענער אַרבעט, אָדער דורכן געפיל פון מיטבאַטייליקונג אין נאַציאָנאַלן רייכטום? די דאָזיקע פראַגן, וואָס אַנטשטייען אין צוזאַמענהאַנג מיטן באָלשעוויסטישן עקספּערימענט, וואַרטן נאָך אויף זייער פאַרענטפערונג. און לויט דעם ווי דער ענטפער

זועט אויספאַלן — גינסטיק אָדער אומגינסטיק — פון דעם איז אָפּהענגיק דער גורל פונם גאַנצן עקספּערימענט.

די וויכטיקסטע און קאָמפּליצירטסטע פּראָבלעמען, מיט וועלכער מיר טרעפן זיך אין איצטיקן רוסלאַנד, איז די אַרבעטער־פראַגע. און דערפאַר ברענגען די רייזנדע קיין ראַטן־פאַרבאַנד אַזעלכע קעגנזעצלעכע באַריכטן פון דאָרטן. איינע זענען אונטערן איינדרוק פון „נאָך נישט געזעענער אַרבעט־באַגייסטערונג" פאַר דעם פינפיאָרפּלאַן, אַנדערע ווידער רעדן נאָר וועגן דער גרויסער פּראָפּאַגאַנדע און „אומדערבאַרעמדיקן אָנטרייב־מעטאָד" פון דער רעגירונג. ס'זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס זעען אין פינפיאָרפּלאַן דעם ברייטן וועג צום סאָציאַליזם, אַנדערע, דאַקעגן, טראָגן אַרויס דעם איינדרוק, אַז רוסלאַנד ווערט שיער נישט אַ שקלאַפן־מלוכה. אייניקע האַלטן, אַז די רוסישע אַרבעטער וועלן דורך די פּריווילעגיעס, מיט וועלכע די רעגירונג באַשענקט זיי, פאַרדאָרבן ווערן, און אַנדערע ווידער קלאָגן גאָר אַז די אַרבעטער ווערן גערודפט, פאַרגוואַלדיקט, אונטערדריקט אײנעם דוכט זיך, אַז די אַרבעט איז דאָ דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון אַ נייעם אַדל, און אַ צווייטן קומט אויס, אַז די אַרבעט ווערט דאָ פאַרוואַנדלט אין אַ נייער שקלאַפעריי.

אַזעלכע מיינונגען זענען פולשטענדיק פאַרשטענדלעך. זיי האָבן אָבער נישט קיין גרעסערן ווערט, ווי די מיינונגען, וואָס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן ביי אונז בעת דער מלחמה: אַז אָט, די ענגלישע אַרבעטער ווערן האָפנונגלאָז פאַרדאָרבן, די בירגערלעכע פרייהייטן וועלן שוין מער קיינמאָל נישט צוריקגעגעבן ווערן. ביי דער גאַנצער ברוטאַלקייט און אומבארחמנותדיקייט פון דער אָנטרייב־קראַפט אין רוסלאַנד, האָבן מיר דאָ פאַר זיך נישט בלויז אויסערלעכע ענלעכקייט מיט די מעטאָדן פון דער מלחמה־צייט ביי אונז און אַנדערש־ווו. דער ענדציל מעג טאַקע זיין שאַפן נייע אַרבעט־ווערטן און אַרבעט־נאָרמען, אָבער די נאָענטסטע און לעבנס־וויכטיקסטע אויפגאַבע איז — „געווינען די מלחמה", פאַרווירקלעכן דעם פינפיאָרפּלאַן אַפילו פאַרן פּרייז פון די גרעסטע הוצאות און קרבנות.

IV. וווּנדער — אָבער פאַר וואָסער פּרייז!

מען טאָר נישט פאַרגעסן, אַז די אינדוסטריאַליזירונג פון רוסלאַנד מאַכט נישט אַדורך קיין נאָרמאַלן פּראָצעס פון אַנט-וויקלונג, נאָר זי וואַקסט אונטערן דרוק פון דער נויטווענדיקייט. געוויינלעך קומט פאָר אַזוי, אַז די אַנטוויקלונג פון דער אינ-דוסטרי אין אַן אָפּגעשטאַנענעם לאַנד געשעט מיט דער הילף פון אויסלענדישע הלוואות און דויערט עטלעכע יאָר צענדליק. אָבער אין דעם פינפיאָרפּלאַן זעט די זאַך גאַנץ אַנדערש אויס — ווייל רוסלאַנד פאַרמאָגט נישט קיין אייגענע קאַפּיטאַלן און קאָן זיך נישט איינשאַפן קיין אויסלענדישן קאַפּיטאַל. דער פינפיאָרפּלאַן קאָן דעריבער פינאַנסירט ווערן נאָר דורך דער מאָביליזירונג פון דער גאַנצער נאַציאָנאַלער הכנסה און ער קאָן דורכגעפירט ווערן אין דער פּראָיעקטירטער צייט נאָר פאַרן פּרייז פון די גרעסטע קרבנות. ביי די געגעבענע פאַרהעלטנישן זענען פאַראַן נאָר צוויי וועגן פון ווידעראויפבוי: אָדער מען מוז פאַרלאַנג-זאַמען דעם טעמפּ פון דער אַנטוויקלונג ד. ה. בויען דאָס לאַנד פון דעם אַקומולירטן קאַפּיטאַל לאַנגזאַם, צו ביסלעך; אָדער מ׳מוז אַלע מיטלען פון לאַנד לאָזן אין גאַנג און פאַרווענדן זיי פאַר-שווענדעריש אויף צוצואיילן דעם אינדוסטריאַליזירונג-פּראָצעס. עקאָנאָמיש אויסגעדריקט, באַדייט דער צווייטער וועג, אַז מען מוז שלום-מאַכן מיט דעם שווערסטן מאַנגל פון די נויטיקסטע זאַכן; עס באַדייט ווידעראויפבוי דורך פאַרקלענערן דעם קאָנסום! און פאַרקלענערן דעם קאָנסום אַליין איז נאָך אויך ווייניק, מען מוז נאָך פּאַראַלעל דערמיט פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע, ערשט דאַן וועט מעגלעך זיין אַן אַקומולאַציע פון קאַפּיטאַל. דעריבער טאַקע לויטעט דאָס עוואַנגעליום, וואָס ווערט געפּרעדיקט אין רוסלאַנד, אַזוי: „מער פּראָדוצירן! בעסער און שנעלער פּראָדוצירן”!

רוסלאַנדס טראַגישער אומגליק איז דאָס, וואָס דער דור, פון וועלכן מען פאַרלאַנגט די אַלע קרבנות, האָט קוים צייט גע-האַט קומען צו זיך נאָך די דרייפאַכיקע קרבנות פון וועלטמלחמה, רעוואָלוציע און בירגער-קריג. גראָד אויף די דאָזיקע עלטערע מענטשן ווערט אַרויפגעוואָרפן די קאָסטן-לאַסט פון דער אינ-

דוסטריאַליזירונג, וואָס ביי נאָרמאַלע באַדינגונגען וואָלט זי געוואָרן אויסגעטראָגן דורך שפּעטערדיקע דורות. און דערפאַר טאַקע באַציען זיך די דאָזיקע עלטערע מענטשן גאַנץ אַנדערש צו דער אויפבוי־אַרבעט, ווי די יינגערע, וועלכע האָבן שוין אַליין נישט דורכגעלעבט די יאָרן פון רעוואָלוציע און בירגער־קריג, פאַר וועלכע רעוואָלוציע און בירגער־קריג זענען שוין בלויז די העראָישע תקופה פון דער רוסישער געשיכטע. אויף דעם דאָזיקן יינגן דור האָט, נאַטירלעך, דער לאָזונג „אַרבעט און קרבנות" אַ גאַנץ אַנדערע ווירקונג, און דאָס האָט מען טאַקע געוואָלט. אַ סך יינגע מענטשן ווערן געטריבן פון דער אַמביציע, רוסלאַנד זאָל זיך נישט נאָר צוריקאויפבויען, נאָר טאַקע זיך אויפבויען אין דעם קאָלאָסאַלסטן מאַסשטאַב.

די היינטיקע הערשער פון רוסלאַנד האָבן זיך געשטעלט אַן אויפגאַבע, וואָס ליגט זער נאָענט צו דער גרענעץ פון פאַנטאַזיע (אין געוויינלעכן זין פון וואָרט). זיי האָבן אויף איין מאָל גענומען רעאַליזירן גאַנצע טוצן פּראָיעקטן, וואָס אַפילו אין אַמעריקע וואָלט יעדער איינער פון די דאָזיקע פּראָיעקטן געווען אַ דרייסטער אויפטו. אין רוסלאַנד טראָגן אָט די פּראָיעקטן, צוליבן קאָנטראַסט צווישן דעם היינט און דעם מאָרגן, דעם כאַראַקטער פון געפּלאַנטע ווונדער. די אַמביציע אויפצובויען די וועלט־גרעסטע פאַבריקן פון פאַפּיר, טראַקטאָרן, בוימוואָל א. אַ., דערצו אין דער קורצסטער צייט, און באַזאָרגן זיי דורכאויס מיט די סאַמע נייעסטע מאַשינען — דאָס איז נישט קיין רעזולטאַט פון אַ נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטרי. אָט די אַמביציע איז אויך נישט דער עיקר אין דער פּאָליטיק, וועלכע שטרעבט בכיוון צו ווירקן אויף דער פאַנטאַזיע פונם פאָלק. זי שטאַמט פיל מער פון די פרייד־געפילן, וואָס עס האָט דער יינגער דור אין רוסלאַנד בעת ער אַנטדעקט פּלוצלינג די גרויסע און נאָך נישט באַאַרבעטע נאַטור־אוצרות, וואָס דאָס לאַנד פאַרמאָגט. אויפן יינגן דור מאַכט דאָס אַלץ דעם טיפסטן איינדרוק, ער באַטראַכט דעם פינפיאָרפּלאַן ווי אַ טיר, וואָס פירט אין אַ נייער עפּאָכע.

V. באַפעלקערונג־פּראָבלעמען

דער אומגעהויערער וווקס פון דער באַפעלקערונג אין דוסלאַנד האָט אַרויסגערוקט אַ גאַנצע רייע וויכטיקע פּראָבלע־מען. צום 1 אַפּריל 1930 האָט מען געשאַצט די באַפעלקערונג פון רוסלאַנד אויף 158 מיליאָן מענטשן, ד. ה. מיט 20 מיליאָן מער, ווי ס'איז אויף דער זעלביקער טעריטאָריע געוועזן אין 1914. אין יאָר 1924 האָט די צאָל פון דער באַפעלקערונג דער־גרייכט דעם פאַרמלחמהדיקן צושטאַנד, ד. ה., אַז דער נאַטיר־לעכער צוּוואַקס פון דער באַפעלקערונג איז נאָך דער רעוואָלו־ציע געוואָרן אַזוי גרויס, אַז ס'זענען געדעקט געוואָרן אַלע רי־זיקע פאַרלוסטן פון די יאָרן פון וועלט־מלחמה, בירגער־קריג, עפּידעמיעס און אויסוואַנדערונגען. אין די דריי יאָר 1924—27 האָט דער צוּוואַקס באַטראָפן $9^1/_2$ מיליאָן, אין די דריי לעצטע יאָר — 11 מיליאָן. עס באַקומט זיך אַזוי אַרום אַ יערלעכער צוּוואַקס פון איבער $3^1/_2$ מיליאָן.

דאָס זענען ציפערן, וואָס רופן אַרויס אַלגעמיינע שטוי־נונג. אָט איז אַ פאַרגלייך מיט דעם צוּוואַקס פון דער באַפעל־קערונג אין אייראָפּע: אין ראַטן־פאַרבאַנד האָט אייראָפּע אַ באַ־פעלקערונג פון 370 מיליאָן מענטשן, און דער צוּוואַקס באַטרעפט יערלעך $2^1/_2$ מיליאָן. דאַקעגן, אין רוסלאַנד, ביי אַ באַפעלקע־רונג פון 150 מיליאָן, באַטרעפט דער יערלעכער צוּוואַקס $3^1/_2$ מיליאָן. דערביי איז אינטערעסאַנט, אַז דער ראַשער צוּוואַקס שטאַמט נישט פונם געבורטן־עודף, נאָר פון דעם, וואָס די שטערבלעכקייט איז געוואָרן קלענער. אין די דריי יאָר 1911—1913 האָט די צאָל געבורטן באַטראָפן 46.8 אויף יעדע 1000 איינוווינער, אין די דריי יאָר 1926—28 — נאָר 40 אויף 1000. די ציפערן פון דער שטערבלעכקייט אין די זעלביקע יאָרן זע־נען: 30.5 און 17.4. אַלזאָ, בעת אין יאָר 1913 האָט דער נאַ־טירלעכער צוּוואַקס באַטראָפן 16.3 אויף 1000, איז ער אין יאָר 1928 געשטיגן ביז 22.6 אויף 1000.

דער דאָזיקער שנעלער וווּקס פון דער באַפעלקערונג רוקט

אַרויס אַ רייע שווערע פּראָבלעמען. אייגנטלעך, וואָלט מען גע-
דאַרפט באַגריסן אַזאַ וווקס פון דער באַפעלקערונג, ווייל רוס-
לאַנד איז גענוג גרויס, האָט גענוג נאַטור-אוצרות און איז גאַנץ
שיטער באַפעלקערט (7.6 נפשות אויף אַ קוואַדראַט-קילאָמעטער).
נאָר וואָס פאַר אַ ווירקונג דאָס זאָל נישט האָבן אין די שפּע-
טערדיקע צייטן, אַ גוטע צי אַ שלעכטע, היינט-צו-טאָג מוז דאָס
אַרויסרופן אַ געוויסע מורא. אָבער צו מיין גרעסטער איבער-
ראַשונג האָב איך אין רוסלאַנד נישט באַמערקט אפילו קיין סימן
פון אַזאַ מורא, מען לייקנט גאָר דאָרטן, אַז ס'איז בכלל פאַראַן
אַ באַפעלקערונגס-פראַגע. די אָפיציעלע אַמטן, ביי וועלכע איך
האָב אָנגעפרעגט, האָבן מיר פשוט אָנגעוויזן אויף דער אַרבעט-
סטאַטיסטיק. „איבערבאַפעלקערונג"? די באָלשעוויקעס האַלטן,
אַז דאָס איז אַ באַגריף, וואָס איז אויסגעוואָקסן אויפן באָדן
פון ליבעראַלע און סאָציאַלע פאָרורטיילן. ראַטן-פאַרבאַנד אָנער-
קענט נישט די דאָזיקע איבערגעלעבטע טעאָריעס. „איבערבאַ-
פעלקערונג" באַדייט בלויז, אַז ס'זענען נישט גענוג אַנטוויקלט
די פּראָדוקציע-מיטלען פון לאַנד, און אין די באַדינגונגען פון
קאַפּיטאַליזם איז אַזאַ אַנטוויקלונג טאַקע אוממעגלעך. אין ראַטן-
פאַרבאַנד אָבער, וווּ קיין זאַך באַגרענעצט נישט די אַנטוויקלונגס-
מעגלעכקייטן פון די פּראָדוציר-כוחות — דאָ זענען אַזעלכע טע-
אָריעס נישט שייך.

די דאָזיקע זיכערקייט דערקלערט זיך טיילווייז דערמיט,
וואָס דער נאָכפרעג אויף אינדוסטרי-אַרבעטער שטייגט נאָך
שטאַרקער, ווי די באַפעלקערונג. פאַר די לעצטע $2\frac{1}{2}$ יאָר איז
די צאָל שטאָטישע אַרבעטער אויסגעוואַקסן אויף 22.8 פּראָצענט.
אין יאָר 1927 האָט די צאָל באַטראָפן 8.866.000, אין אָנפאַנג
1930 — שוין 10.215.000. אויסער דעם באַמערקט זיך לעצטנס
אַן איבערוואַנדערונג פון די שטעט אין די דערפער, הגם אין
פלוג וואָלטן די מעכאַניזאַציע און ראַציאָנאַליזאַציע פון דער
לאַנדווירטשאַפט באַדאַרפט איבעריק מאַכן אַ סך אַרבעט-הענט
אין דאָרף און זיי, פאַרקערט, טרייבן אין שטאָט אַריין. ביז איצט
באַמערקט מען אָבער נישט אַזאַ שטראָם פון דאָרף אין שטאָט;

אַרשיינלעך איז דאָס דערפֿאַר, ווייל צוזאַמען מיט דער מעכאַניזאַציע איז געקומען אין דאָרף אויך די קאָלעקטיוויזאַציע. אוודאי ווערן דאָרפֿישע אַרבעטער פֿאַרביטן דורך מאַשינען, אָבער דורכדעם, וואָס זיי ברויכן ווייניקער צו אַרבעטן, ווערן זיי נאָך נישט געצווּנגען איבערצוּוואַנדערן אין די שטעט. אדרבא, מיר מערקן גאָר אַן אומגעקערטע דערשיינונג: למשל, די בוי-אַרבעטער אין שטאָט פֿאַרלאָזן די סעזאָן-אַרבעטן און לויפֿן בעסער אין דאָרף, אין קאָלווירט אַריין (קאָלעקטיווע ווירטשאַפֿט).

עס איז איצט נאָך שווער פֿעסטצושטעלן די סיבות, פֿאַרוואָס די אַרבעטלאָזיקייט איז אין לעצטן יאָר פֿאַרשוווּנדן געוואָרן: צי איז דאָס צום טייל אַ רעזולטאַט אויך פֿון די סאָציאַלע אוןווירטשאַפֿטלעכע פֿאַרענדערונגען, וואָס זענען פֿאָרגעקומען אין דאָרף, אָדער עס איז אַ רעזולטאַט בלויז פֿון דעם אומגעהויערן וווּקס פֿון אַלע ווירטשאַפֿט-צווייגן אין צוזאַמענהאַנג מיטן פֿינפֿיאָרפּלאַן. מען קאָן דערווייל אויך נישט וויסן, צי דער „צוריק אין דאָרף אַריין” איז בלויז אַ צייטווייליקע דערשיינונג, און צי סוף-כל-סוף וועלן די קאָלעקטיוויזאַציע און ראַציאָנאַליזאַציע טאַקע נישט אַרויסרופֿן אַן איבערבאַפֿעלקערונג אין דאָרף. היינט-צו-טאָג האָט מען דעם איינדרוק, אַז אויב אפילו די איצטיקע הערשער פֿון רוסלאַנד באַשעפֿטיקן זיך נישט דירעקט מיט דער באַפֿעלקערונג-פּראָבלעם, איז אָבער פּאַקטיש, אפשר אומבאַוווּסט פֿאַר זיי אַליין, בילדעט די דאָזיקע פּראָבלעם דעם הינטערגרונט פֿון זייער גאַנצן ריזיקן עקספּערימענט.

צ ו ו י י ט ע ר ט י י ל

די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע

I. דער אינערלעכער מאַרק

די לאַגע אין רוסלאַנד איז אויך אין דעם פּרט אַ גאַנץ אַנדערע, ווי אין אַנדערע לענדער, ווייל מען ווייסט דאָרט נישט פון קיין פאַרקויף-פּראָבלעם. בעת אין דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט איז דער קריזיס געוויינלעך אַ קריזיס פון „איבערפּראָדוקציע", איז עס אין רוסלאַנד פאַרקערט, אַ קריזיס פון „אונטערפּראָדוקציע". דעם סאָוועטישן מלוכה-מאַן איז פרעמד אַזאַ פראַגע, ווי מאַנגל פון נאָכפרעג, אויף וויפל דאָס האָט אַ שייכות צום אינערלעכן מאַרק. אין קעגנטייל: 150 מיליאָן מענטשן שטייען אַזוי צו זאָגן אין „אָגאָנעק" און וואַרטן, מ'זאָל זיי באַדינען. און דערפאַר איז אין רוסלאַנד אַזאַ פּאַראַדאָקסאַלע לאַגע, אַז די שוועריקייט פאַר די פּראָדוצענטן ליגט נישט אין אויסגעפינען דעם קויפער, נאָר פאַרקערט אינם אויסמיידן אים און דאָס איז נישט נאָר אַ רעזולטאַט פון דעם מאַנגל אין סחורות. אוודאי קאָן דער מאַנגל פילפאַכיק פאַרגרעסערן דעם נאָכפרעג, אָבער אין רוסלאַנד ליגן די סיבות פיל טיפער, און עס ווירקן דאָ — אויב איך האָב נישט קיין טעות — דריי הויפּט-פאַקטאָרן: 1) דער כּסדר-וואַקסנדיקער אינערלעכער מאַרק, 2) די אָרגאַניזאַציע פון די קאָנסומענטן און 3) דער קאָנטראָל פון דער רעגירונג איבער די פּראָדוצענטן און קאָנסומענטן, ווי אויך איבער די פינאַנסן פון זיי ביידע.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער אינערלעכער מאַרק האָט אָנגעהויבן אַזוי וואַקסן ערשט נאָך דער רעוואָלוציע. אין צאַרישן רוסלאַנד האָט מען די 120 מיליאָן פויערים קיינמאָל נישט באַטראַכט אַלס אָפּזאַץ־מאַרק, ווייל דער יינגער רוסישער קאַפּיטאַליזם האָט זיך דעמאָלט אָריענטירט דער עיקר אויף דער דעראָבערונג פון פרעמדע מערק. דעם אינערלעכן מאַרק האָט מען נישט געקאָנט פאַרגרעסערן, כל־זמן ס׳איז נישט געלייזט געוואָרן די ערד־פראַגע. די פויערים זענען געווען אָרעם, ס׳איז געווען אוממעגלעך צו העכערן זייער קויף־קראַפט, נישט קומענדיק אין אַ קאָנפליקט מיט די פּריצים, נישט לייזנדיק די אַגראַר־פראַגע. די מלוכה, די ערד־באַזיצער, דאָס בירגערטום האָבן דעריבער געטרוימט נאָר וועגן דעראָבערונג, וועגן עקספּאַנסיע און וועגן אַ צוטריט צום ים; זיי האָבן געגלויבט, אַז וואָס מער פרעמדע מערק זיי וועלן דעראָבערן, אַלץ ווייניקער וועלן זיי זיך דאַרפן קימערן וועגן דער לאַגע פון די פויערים.

אָבער בעת דער וועלט־מלחמה און דער רעוואָלוציע האָבן די פויערים נישט נאָר באַקומען גרעסערע באַדערפנישן, זיי האָבן אויך דערקענט זייער אייגענע מאַכט און געוואָר געוואָרן וועגן זייערע רעכט. זיי זענען געוואָרן די צושטעלער פון לעבנסמיטלען און רוישטאָפן פאַר די שטעט, גלייכצייטיק זענען זיי געוואָרן דער גרעסטער אָפּזאַץ־מאַרק פאַר די פאַבריקאַנטן. ווער ס׳וויל האָבן אַ באַגריף וועגן פאַרנעם פון דעם דאָזיקן מאַרק, דער מוז באַזוכן אַ קראָם פון קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוו אין דער צייט בעת מען דרעשט די תבואה, ד. ה. אוממיטלבאַר איידער די תבואה ווערט אָפּגעליפערט צו די אַגענטן פון דער רעגירונג. די זאָרג פון דער מאַכט באַצייטנס אָנצופילן די קאָאָפּעראַטיווע קראָמען מיט סחורות, דער געשריי פון די צייטונגען וועגן דעם שלעכטן טראַנספּאָרט, וועגן דער אומטעטיקייט פון די קאָאָפּעראַטיוון, און די מינעס, מיט וועלכע די פויערים באַקוקן אָט די סחורה־לאַגערן און באַרעכענען אין קאָפּ זייערע איינקויף־מעגלעכקייטן — דאָס אַלץ באַווייזט בולט, וואָסער וויכטיקער מאַרק דאָס דאָרף איז געוואָרן.

היינט-צו-טאָג קאָן נאָך נישט די רעגירונג באַפרידיקן אַלע באַדערפנישן פון דאָזיקן מאַרק, ווייל עס פעלט סחורות. און ס'וועט נאָך גאַנץ לאַנג דויערן, ביז מען וועט קאָנען זעטיקן אָט דעם מאַרק; ווייל אויב אפילו ס'וואַקסט די פּראָדוקציע, וואַקסן אָבער נאָך פיל שטאַרקער די באַדערפנישן פון די פויערים, זייער גאַנצער לעבנס-ניוואָ. די פויערים זענען פאַר-וואַנדלט געוואָרן אין אַ ריזיקע אַרמיי פון קאָנסומענטן. אָבער אויך אַלס פּראָדוצענטן בילדן זיי אַ וויכטיקן מאַרק, זיי זענען מן-הסתם די גרעסטע אָפּנעמער פון אייזן, מאַשינען, געהילץ און כעמישער אינדוסטריע. אַמנויטיקסטן איז פאַר זיי: טראַק-טאָרן, וואָגנס, אויטאָמאָבילן, אַקער- שנייד- און דרעש-מאַשינען, מעלקעריי-מכשירים און פיל אַנדערע מאַשינען פאַר אַלערליי דאָרפישע אינדוסטריעס, שוין אָפּגערעדט וועגן נאַפּט און באַ-מיסטיקונג-מיטלען. דערצו קומט נאָך צו דער פאַקט, אַז דער נאָכפרעג איז אין ראַטן-פאַרבאַנד נישט אונטערגעוואָרפן די וואַקלונגען, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער קאַפּיטאַליס-טישער ווירטשאַפט.

כאָטש די פויערישע פּראָדוצענטן-אָרגאַניזאַציע געפינט זיך קוים אין דער ערשטער סטאַדיע פון איר אַנטוויקלונג, האָט מען דאָך שוין באַגרענעצט די צאָל פון די איינקויף-קאָאָפּעראַטיוון אויף בלויז זעקס. דאָס זענען: דער תבואה-טרעסט, דער טראַק-טאָר-צענטער, דער קאָלכאָזן-צענטער, דער „בוימוואָל-פלאַנצער” און נאָך אַ צוויי, דריי אַנדערע. אָט די דאָזיקע צענטערען באַשטי-מען, וויפל און וועלכע מאַשינען עס דאַרפן באַשטעלט ווערן פאַר דער לאַנדווירטשאַפט. און נאָך אַ מעלה האָט דער רוסי-שער מאַרק: דער פּראָדוצענט דאַרף נישט זאָרגן וועגן דער צאָלונגס-פעיקייט פונם קויפער, ווייל די מלוכה קאָנטראָלירט די פינאַנסן סיי פון פּראָדוצענט, סיי פון קאָנסומענט.

און נישט נאָר די פויערים אַליין זענען אַזאַ וויכטיקער אָפּזאַץ-מאַרק; אויך די שטאָטישע באַפעלקערונג איז אַ וויכטי-קער מאַרק. אמת, די צאָל שטאָטישע איינוווינער איז אַ סך אַ קלענערע, ווי אין דאָרף. אָבער דאָך האָט אויך דער שטאָ-

טישער מאַרק גוואַלדיקע אַנטוויקלונג-מעגלעכקייטן. אויך אין שטאָט איז פאַראַן אַ מאַסע אויסגעהונגערטע קויפער. און דאָ איז שוין די מלוכה אַליין דער פראָדוצענט, זי קאָנטראָלירט אַלץ: די רוישטאָפן, פרייזן, לוינען, פראָפיטן, וואַלוטע א. ד. גל. און ווייל די מלוכה האָט אין אירע הענט דעם מאָנאָפּאָל אויך איבערן אויסלענדישן מאַרק, איז איר קאָנטראָל אַן אַבסאָלוטער, און זי דאַרף נישט מורא האָבן פאַר וואַקלונגען אויפן וועלטמאַרק.

II. דער טעמפּ

אַלזאָ, אין פרט פון נאָכפרעג איז נישט פאַראַן קיין שום גרענעץ פאַרן וווקס פון דער פראָדוקציע. די איינציקע גרענעץ, וואָס איז יאָ פאַראַן, איז דער מאַנגל אין קאַפּיטאַלן און רוישטאָפן און אין קוואַליפיצירטע אַרבעטער. אָבער אין די ראַמען פון אָט די מעגלעכקייטן שטרעבט די רעגירונג צו אַ מאַקסימאַלער פראָדוקציע, אָדער ווי די באָלשעוויקעס דריקן זיך אויס, צו „אינדוסטריאַליזאַציע אין שנעלסטן טעמפּ“. דער אויסדרוק „טעמפּ“ אין מויל פון די באָלשעוויקעס נויטיקט זיך אין אַ געוויסער אויפקלערונג. קיין שום ליגנערישע פראַזע הערט מען נישט אין רוסלאַנד אַזוי אָפט און מיט אַזאַ עקשנות. אַממייסנטן ווערט צו דעם וואָרט נאָך צוגעגעבן דער עפּיטעט „שטורמישער“ אָדער „באָלשעוויסטישער“ טעמפּ באַדייט אַ סך זאַכן. פון איין זייט ווערט דערמיט אויסגעדריקט די איבערצייגונג, אַז נאָר דער סאָציאַליזם מאַכט מעגלעך אַזאַ ווירטשאַפטלעכע אַנטוויקלונג, און ביי דער קאַפּיטאַליסטישער הערשאַפט וואָלט זי בשום אופן נישט מעגלעך געווען. פון דער צווייטער זייט — די זיכערקייט, אַז די ראַטןאינדוסטרי וועט מיט דער צייט איבערשטייגן די אינדוסטריעס פון אַלע איבעריקע לענדער. און דאָס וויכטיקסטע: „באָלשעוויסטישער טעמפּ“ באַדייט, אַז מען וואַרפט אַנטשיידן אָפּ די „פסיידאָ-וויסנשאַפטלעכע“ טעאָריעס וועגן לאַנגזאַמער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג; אַנטקעגן די דאָזיקע טעאָריעס ווערט אַרויס-

גערוקט דער געדאַנק, אַז אַלץ איז אָפּהענגיק נאָר און בלויז פון דער קאָנצענטרירטער ווילנסקראַפט פון דער אַרבעטערשאַפט. דער העכסטער אויסדרוק פון „באָלשעוויסטישן טעמפּ" איז דער פינפיאָרפּלאַן. דעם פּלאַן טאָר מען נישט באַטראַכטן, ווי אַ פּאַרגליווערטע פּראָגראַם, ווייל דער פּלאַן זאָגט בלויז איינס, אַז די פּראָדוקציע מוז וואָס שטאַרקער אַנטוויקלט ווערן. נאָר דעם דאָזיקן ציל שטעלט ער! די פּראָגראַם גופא ווערט פעסטגעשטעלט אין יאָר-טאַבעלעס און אין די „קאָנטראָל-ציפערן", וועלכע ווערן צוזאַמענגעשטעלט דורך דער מלוכהשער פּלאַן-קאָמיסיע און אַפּראָבירט דורך דער רעגירונג. די דאָזיקע קאָנטראָל-ציפערן צייכענען אָן נאָר דעם מינימום; די באַמיונגען גייען, ווי איך האָב שוין פריער געזאָגט, אין דער ריכטונג פון איבערשטייגן די דאָזיקע ציפערן, פון וואָס מער זיי איבערשטייגן.

אין זיינע הויפּטשטריכן שטעלט זיך דער פינפיאָרפּלאַן אַזוי פאָר (זע טאַבעלע). די טאַבעלע ווייזט אונז דעם דערוואַרטעטן וווּקס אין פאַרלויף פון די 5 פּלאַן-יאָר — סיי פון דער באַפעלקערונג, סיי פון דער צאָל לוין-אַרבעטער, פון דער פּראָדוקציע און פון דער פאָלקס-הכנסה:

פּראָצענטועלער צוּוואַקס אין די 5 יאָר 1928—33

אַלגעמיינע באַפעלקערונג . .	11.8
לוין-אַרבעטער	18.2
פאַרטיק-אינדוסטרי . . .	181
שווער-אינדוסטרי	255
לייכט-אינדוסטרי	144
לאַנדווירטשאַפט	151
פאָלקס-הכנסה	101.5

ווי ס'איז צו זען פון דער טאַבעלע, וויל די רעגירונג אין פאַרלויף פון 5 יאָר פאַרטאָפּלען די פאָלקס-הכנסה און פאַרדרייפאַכן די אינדוסטריעלע פּראָדוקציע — דאָס איז באמת אַ קאָפּשווינדלערישער „טעמפּ"! בפרט, ווען מען דערמאָנט זיך, אַז ערשט אין יאָר 1927 האָט די ווירטשאַפט אין רוסלאַנד קוים

דערגרייכט דעם צושטאַנד פון פאַר דער מלחמה און די צי־פערן רעדן נישט וועגן מעגלעכקייטן, נאָר וועגן אַ זיכערער זאַך. דאָס זענען נישט סתם געוואַגטע שאַצונגען, נאָר זיכערע דערוואַרטונגען פון העכסטער אַקטיוויטעט. טאַט און אַקטיוויטעט — דאָס זענען די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דער גייסטיקער איינשטעלונג פון די באָלשעוויקעס. „אַקטיוונאָסט” (אַקטיוויטעט) איז ביי זיי פונקט אַזאַ פאָפולער שלאָגוואָרט, ווי „טעמפ”. דאָס איז אייגנטלעך אַ דערגענצונג צום באַגריף „טעמפ”, ווייל נאָר ביי אַ פולער אַנטוויקלונג פון ד׳ער אַקטיוויטעט לאָזט זיך דער־גרייכן אָט דער באָלשעוויסטישער טעמפ. די אויסלייזונג קאָן קומען נאָר אויפן וועג פון אַקטיוויטעט, נישט דורך דעם, וואָס מען וועט זיך קנעכטיש פאַרלאָזן אויף דער נאַטירלעכער אַנט־וויקלונג פון די ווירטשאַפטלעכע כוחות. דאָס פאַרלאָזן זיך אויף דעם עוואָלוציאָנערן גאַנג פון דער אַנטוויקלונג רופן די באָלשעוויקעס שפּאָטיש מיטן וואָרט „סאַמאָטיאָק”, וואָס זאָל הייסן „אויטאָמאַטישע קריכעניש”. אַז אַ רוסישער אַרבעטער פאַרלאָזט זיך אויף „סאַמאָטיאָק”, ד. ה. אויף דעם ווירקן פון די נאַטירלעכע כוחות, אָנשטאָט אַקטיוו צו זיין, ווי אַן אמתער סאָציאַליסט באַדאַרף צו זיין — וואַרפט מען אים פאָר, אַז אים פעלט „לעבעדיקער גלויבן”, ווייל ער האָט געזינדיקט קעגן די גרונט־פרינציפן פון באָלשעוויזם.

די פאַרשטאַרקונג פון טעמפ

ס׳איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס דער פינפיאָרפּלאַן, הגם ער האָט פריער אויך געקלונגען ממש פאַנטאַסטיש, האָט מיט דער צייט געמוזט נאָך געענדערט ווערן — נישט מען האָט פאַרלאַנגזאַמט, נאָר מען האָט נאָך מער פאַרשנעלערט דעם טעמפ. שוין עטלעכע מאָל איז דער טעמפ געענדערט געוואָרן, און אין די לעצטע חדשים פון יאָר 1930 איז ווידער אַמאָל איבערן לאַנד געפירט געוואָרן אַ פּראָפּאַגאַנדע פאַר אַ נייער פאַרשנעלערונג, נעמלעך פאַר צודורכפירן דעם פינפיאָריקן פּלאַן אין פיר יאָר.

דער לאָזונג „דעם פינפיאָרפּלאַן אין פיר יאָר" באַצירט די מויערן פון יעדער שטאָט, ווענן אים שרייבט מען אין די וואַנט-צייטונגען אויף די פאַבריקן, ער לייכט אַראָפּ נאַכט ביי נאַכט פון הונ־דערטער לייוועגטן אין די קינאָס און אַפילו די בלומען-בייטן אין די פאַרקן און עפנטלעכע גערטנער זענען אַזוי געפלאַנצט, אַז ס'באַקומט זיך דער זעלבער לאָזונג. אַפילו די נייע אינדוסטרי־הלואה גייט אונטערן נאָמען „פּיאַטילעטקאַ אין פיר-יאָר-הלואה".

מען האָט זיך אַ נעם-געטון מיט גרויס אַנטשלאָסנקייט צו פאַרשנעלערן דעם טעמפּ, און אַ דאַנק דעם איז געוואָרן מעג־לעך, אַז דער פּלאַן זאָל טאַקע פאַרווירקלעכט ווערן אין דער פעסטגעשטעלטער צייט. מיר מיינען, אַז די ביז־איצטיקע דער־פאָלגן פון דער אינדוסטריאַליזירונג אויף געוויסע געביטן באַ־רעכטיקן צו אַזעלכע האָפנונגען. אָבער דעם ציל פון דער אָנ־געהויבענער פּראָפּאַגאַנדע דאַרף מען זוכן אין די פּאָליטישע און פּסיכאָלאָגישע חשבונות. דאָס רוסישע פאָלק טראָגט-אויס די מי און לאַסטן פון דעם פּלאַן נאָר דערפאַר, ווייל דער פּלאַן איז באַגרענעצט מיט אַ געציילטע פאָר יאָר. און אויב מען קאָן פאַר־קירצן די צייט נאָר ביז פיר יאָר, דאַן איז דאָך די ערשטע און שווערסטע העלפט שוין דורכגעמאַכט, און די צווייטע העלפט זעט שוין אויס קורצער און לייכטער. דער לאָזונג „דעם פינפ־יאָרפּלאַן אין פיר יאָר" האָט אַלזאָ אַ טאָפּלטן ציל: שנעלער מאַכן דעם טעמפּ פון דער פּראָדוקציע און דורך פאַרקירצן די צייט מעגלעך מאַכן אויסצוהאַלטן די שווערע מי און מאַטערניש פון דער אויפבוי-צייט.

III. די אַרבעטער-פּראָבלעם

אַ באַזונדער אינטערעסאַנט קאַפּיטל איז דאָס שטייגן און פאַלן פון דער אַרבעטלאָזיקייט אין רוסלאַנד. ביז צום יאָר 1929 איז די צאָל אַרבעטלאָזע כסדר געשטיגן, און פון דעם יאָר אָן האָט זי אָנגעהויבן צו פאַלן. היינט איז אינגאַנצן נישט פאַראַן קיין רעגיסטרירטע אַרבעטלאָזע; פאַרקערט, ס'עקזיסטירט

אפילו אַ מאַנגל אין אַרבעטער. ווי באַקאַנט, גיט נישט די צאָל רעגיסטרירטע אַרבעטלאָזע — כמעט אין קיין שום לאַנד נישט — אַ געטרײַ בילד פון דעם צושטאַנד פון דער אַרבעטלאָזיקייט, ווייל גאַנצע גרופּעס אַרבעטער ווערן אָדער לויטן געזעץ אָדער צוליב אַנדערע סיבות אינגאַנצן נישט רעגיסטרירט. פון דעם כּלל בילדעט ראַטן-פּאַרבאַנד אויך נישט קיין אויסנאַם. די סטאַטיסטיק פון דער אַרבעטלאָזיקייט צווישן די פּויערים און צווישן געוויסע שיכטן נישט-קוואַליפיצירטע אַרבעטער איז מן-הסתּם זייער נישט קיין פולקאָמע. אָבער דאָך זענען די וואַקסונגען פון דער צאָל רעגיסטרירטע אַרבעטלאָזע זייער באַלערנדיק:

אין אַפּריל 1927 האָט די צאָל רעגיסטרירטע אַרבעטלאָזע באַטראָפן 1.477.000. אַ יאָר שפּעטער איז די צאָל געשטיגן ביז 1.576.000, אין דעם 1 אַפּריל 1929 האָט זי דערגרייכט איר העכסטן פּונקט — 1.741.000. אָבער איין יאָר שפּעטער, דעם 1 אַפּריל 1930, איז די צאָל אַרבעטלאָזע געפאַלן ביז 1.079.000, און פון דאַן אָן ווערט די צאָל אַלץ קלענער און קלענער. אין יוני איז נאָך געווען 936.000 אַרבעטלאָזע, אין יולי שוין נאָר 725.000. די לעצטע באַריכטן מעלדן, אַז מ׳האָט אינגאַנצן אויפגעהערט צו רעגיסטרירן אַרבעטלאָזע און מ׳האָט אָפּגעשטעלט אַרויסצוגעבן אונטערשטיצונג פאַר אַרבעטלאָזע; די איבערגעבליבענע אַרבעטלאָזע (אין אַ צאָל פון 300.000) האָט מען פאַרגעלייגט צו ווערן אינדוסטרי-אַרבעטער.

פאַר דער רוסישער אַרבעטלאָזיקייט איז כאַראַקטעריסטיש געווען דער פאַקט, אַז קוואַליפיצירטע אַרבעטער האָבן אויסגעמאַכט קוים 10 אָדער 12 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל אַרבעטלאָזע. די מערהייט רעגיסטרירטע זענען געווען פּויערים, וועלכע האָבן געזוכט אַרבעט אין די שטעט, און די איבעריקע זענען געווען ס׳רוב יינגע מיידלעך און בחורים, אָדער פרויען, וועלכע האָבן ביז אַהער נאָך אינגאַנצן נישט געאַרבעט. אַזוי, צום בייספּיל, איז אין יולי 1930 צווישן די 725.000 אַרבעטלאָזע געווען פּויערים — 231.000, פרויען, מיידלעך און בחורים —

415.000. דערפון האָט זיך גענומען אַזאַ פּאַראַדאָקסאַלע לאַגע, אַז די אַמטן פאַר אַרבעט־פאַרמיטלונג האָבן קיינמאָל נישט געקאָנט באַפרידיקן דעם נאָכפרעג אויף קוואַליפיצירטע אַרבעטער. אויף יעדע 100 אַרבעטלאָזע איז אין יאָר 1928 געווען 125 פרייע אַרבעט־פלעצער, אין יאָר 1929 — 142, און אין יאָר 1930 — 181. די מייסטנס פרייע פלעצער זענען געווען אין די ניי־אויפגעבויטע פאַבריקן אין דער פּראָווינץ. די אַרבעטלאָזע האָבן אָבער אָפט קיין חשק נישט צו גיין אַרבעטן צו ווייט פון זייער היים, אָדער אין ערטער, וואָס האָבן אַ שם מיט זייערע שלעכטע אַרבעטס־באַדינגונגען, ווי, למשל, די קוילן־גרובן אין דאָנעצער באַסיין.

מיט אַ יאָר אָדער צוויי צוריק איז פּלוצלינג געוואָרן אַ גרויסע צאָל אַרבעטלאָזע גייסטיקע אַרבעטער. דאָס איז געשען צוליב דעם, וואָס מ׳האָט אין גאַנצן לאַנד אָפּגעזאָגט אַלע מענטשן, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט אין די קירכעס. ווען מ׳האָט גענומען פאַרווירקלעכן דעם פינפיאָרפּלאַן, איז געוואָרן אַזאַ נאָכפרעג אויף אַרבעט־כּחות, אַז אויך די דאָזיקע אַרבעטלאָזיקייט איז שנעל ליקווידירט געוואָרן. בלויז די קאָלכאָזן (קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן) אַליין באַשעפטיקן היינט־צו־טאָג 200.000 בוכהאַלטערן און רענדאַנטן (שרייבער, קאַסירער א. א.—איבערז.)

אַן ערנסטע פּראָבלעם איז נאָך אַלץ די אויסבילדונג פון קוואַליפיצירטע אַרבעטער, טעכניקער און אינזשיניערן, און וואַרשיינלעך וועט די פּראָבלעם נאָך אייניקע יאָר זיין אַזוי ערנסט. לאָמיר — צום ביישפּיל — נעמען דעם נאָכפרעג אויף אינזשיניערן און טעכניקער. היינט איז אין רוסלאַנד פאַראַן ביז 300 טויזנט אינזשיניערן, בעת דער פינפיאָרפּלאַן זעט פאָרויס אַ צאָל פון 1.200.000. ווי אַזוי זאָל מען אויף איינמאָל אויסבילדן 900.000 אינזשיניערן? דאָס איז מעגלעך נאָר ביי איין באַדינג: לערנען ווייניקער, אָבי שנעל. און אַזוי געשעט טאַקע. אין אַלע טעכנישע מיטל־און הויך־שולן איז פאַרקלענערט געוואָרן די לערנצייט פון דריי און פיר יאָר אויף 2 יאָר. אָבער אַפילו אָט די שטאַרקע פאַרקירצונג פון דער לערנצייט ליפערט נאָך אויך נישט גענוג קוואַליפיצירטע כּוחות. מ׳האָט זיך דעריבער גענומען נאָך צו

אָן אַנדער מיטל: מען קלייבט אויס יינגע פעיקע פאַבריק-אַרבעטער און מען שיקט זיי דורכצומאַכן אַ קורצן לערן-קורס.

פאַרשנעלערטע אויסבילדונג

דאָס גאַנצע טעכנישע בילדונג-וועזן איז איינגעשטעלט געוואָרן פּראַקטיש און אוטיליטאַריסטיש. אַלע טעכנישע שולן, אַפילו די הויך-שולן, זענען צוגעטיילט צו פאַבריקן, און אַלע נייע פאַבריקן האָבן באַזונדערע לער-אָפּטיילונגען, ווו מען לערנט מיט די אַרבעטער לויט די מעטאָדן, וואָס זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן דורכן צענטראַלן אַרבעט-אינסטיטוט (ציט). די ערשטע אָפּטיילונג, וואָס ווערט געעפנט ביי אַ נייער פאַבריק, איז אַמיינסטנס די לער-אָפּטיילונג. די שולן און די לער-אָפּטיילונגען ביי די פאַבריקן האָבן צוויי אויפגאַבן: ערשטנס, מוזן זיי לערנען די שילער און צוגרייטן זיי צו זייער טעכנישער קאַריערע, צווייטנס, מוזן זיי די פעיקערע פאַבריק-אַרבעטער אַזוי צוגרייטן, אַז זיי זאָלן דערנאָך קאָנען זיך אויסבילדן אַלס אינזשיניערן. נאַטירלעך, אַז אין אַלע שולן אַרבעט מען טאָג און נאַכט, ס׳רוב אַפילו אין צוויי שיכטן.

ווי ווייט די דאָזיקע פאַרשנעלערטע מעטאָדן וועלן דערגרייכן זייערע אויפגאַבן און וועלן ווירקלעך אויסבילדן קוואַליפיצירטע אַרבעט-כּוחות — דאָס לאָזט זיך נאָך איצט נישט פעסטשטעלן. און פּונקט ווי ס׳איז שווער אויסצובילדן קוואַליפיצירטע אָדער האַלב-קוואַליפיצירטע אַרבעטער, אַזוי איז אויך מיטן צוגרייטן אַ טעכנישן פּערסאָנאַל. מ׳שאַצט, אַז די אַלטע פאַרגרעסערטע פאַבריקן און די נייע, וואָס וועלן היי-יאָר אויפגעבויט ווערן, וועלן באַדאַרפן ביז 500 טויזנט קוואַליפיצירטע אַרבעט-כּוחות. דאָס איז אַ גרויס פּראָבלעם, ווען מען דערמאָנט זיך, אַז היינט-צו-טאָג האָט די גאַנצע אינדוסטריע בלויז 1.600.000 קוואַליפיצירטע אַרבעטער. ווי אַזוי זאָל די דאָזיקע צאָל אין פאַרלויף פון איין יאָר פאַרגרעסערט ווערן אויף אַ גאַנץ דריטל? צי איז דאָס איבערהויפּט מעגלעך? און אויב יאָ, אויף וואָס

פאַר אַן אופן? די פאַבריק־שולן זענען שוין איבערפולט, קאָנען בכלל אַריינגעמען אינגאַנצן קוים עפּעס מער ווי טויזנט פערזאָן. כּדי צו ליקווידירן די דאָזיקע שוועריקייטן, האָט מען געמאַכט די פאַרשידנסטע פאָרשלאָגן. אַדורכברעכן די אַלע מניעות לאָזט זיך נאָר אויף איין אופן — דורך איינגיין אויף ע ר ג ע ר ע אַרבעט. דאָס, וואָס מען אימפּאָרטירט אַזויפיל דייטשע און אַמעריקאַנער אַרבעטער, האָט מסתמא פאַר אַ ציל דורך אָט דעם צופלוס פון הויך־קוואַליפיצירטע אַרבעט־כּוחות דעקן דעם שאָדן פון דער פאַרערגערטער אַרבעט.

אויסבילדן הונדערטער טויזנטער אַרבעטער, כּדי צו אינ־דוסטריאַליזירן דאָס לאַנד, — דאָס געהערט זיכער צו די איבער־ראַשנדיקסטע פּראָיעקטן פונם פינפיאָרפּלאַן. פון דער צאָל, קוואַ־ליטעט און אָפּפער־פעיקייט פון די דאָזיקע קאַדרן, ווי מ׳רופט די אינדוסטרי־אַרמיי אין רוסלאַנד, וועט סוף־כּל־סוף אָפּהענגען דער גורל פון דער גאַנצער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע. דער פינפיאָרפּלאַן מעג שוין האָבן געלייזט די אַרבעטלאָזיקייט־פראַגע — די פּראָבלעם פון טעכנישע קאַדרן וואַרט נאָך אויף איר לייזונג.

IV. די לאַסט פון די קאָסטן

צוערשט האָט די מלוכהשע פּלאַן־קאָמיסיע פּראָיעקטירט, אַז די קאָסטן פונם פינפיאָרפּלאַן זאָלן אויסמאַכן 76 מיליאַרד רובל; אַזוי איז געווען פאָרויסגעזען אין פּראָיעקט, וואָס איז פאָרגעלייגט געוואָרן דער רעגירונג אין יאָר 1928. אָבער נאָך איידער דער אַלפאַרבאַנדישער ציק האָט אים באַוויזן צו באַשטעטיקן, איז דער פּראָיעקט רעווידירט געוואָרן, און די קאָסטן זענען געהעכערט געוואָרן ביז 86 מיליאַרד רובל. פון דאַן אָן איז די סומע נישט געענדערט געוואָרן. נעמענדיק אָבער אין אַכט, אַז יעדעס יאָר שטייגט מען דאָך אַריבער די פאָרויסגעזעענע סומע, קאָן מען אָננעמען, אַז דורכפירן דעם פּלאַן וועט קאָסטן 100 מיליאַרד רובל.

מ׳טאָר נישט גרינגשעצן די באַדייטונג פון אָט דער גי־גאַנטישער סומע, הגם זי איז אויסגעדריקט אין רובלס, ס׳הייסט אין אַן אינפלאַציאָנירטער וואַלוטע. אַ חוץ דעם איז אין יאָר 1928, ווען דער פינפיאָרפּלאַן איז אויפגעקומען, נאָך גאָר קיין אינפלאַציע נישט געווען און די קאָסטן זענען געוואָרן אויס־גערעכנט לויט די פרייזן פון יאָר 1926. מ׳מוז אויך געדענקען, אַז די מחברים פונם פּלאַן האָבן געמיינט, אַז דער פּלאַן וועט גאָר העכערן און סטאַביליזירן דעם ווערט פונם רובל. אַזוי ווי ס׳איז אָבער, טראָץ די דערוואַרטונגען, געקומען אַן אינפלאַציע, זענען נאַטירלעך די פאָרויסגעזעענע 86 מיליאַרד רובל דורכויס צו ווייניק אויף צו פינאַנסירן דעם פינפיאָרפּלאַן.

פון דעם פאַרעפנטלעכטן בודזשעט־פּלאַן פאַרן לעצטן קוואַרטל פון יאָר 1930 איז צו זען, אַז די אינפלאַציע וועט וואַרשיינלעך ענדערן די גאַנצע פינאַנסיעלע באַזע פונם פינפיאָרפּלאַן. פאַר די דאָזיקע דריי חדשים זענען די הכנסות באַרעכנט אויף 8.000 מיליאָן, די הוצאות אויף 7.400 מיליאָן רובל — אַלזאָ מיט 50 פראָצענט העכער, ווי אין יעדן קוואַרטל פון יאָר 1929. די העכערונג שטאַמט, נאַטירלעך, צום טייל דערפון, וואָס חודש־נאָך־חודש ווערט די רעאַליזירונג פון פּלאַן גופא אַלץ מער אויס־געברייטערט, אָבער נאָרמאַל האָט דידאָזיקע העכערונג געדאַרפט אויסמאַכן נאָר 10 פראָצ.; די איבעריקע 40 פראָצ. שטאַמען פון דער אינפלאַציע. ווי וויכטיק די אינפלאַציע איז נישט און וואָ־סערע קאָנסעקווענצן זי קאָן נישט האָבן, ווען מיר זי דאָך איצט לאָזן אין אַ זייט, וואָרום צום לכתחילהדיקן פּלאַן האָט זי קיין שום שייכות נישט. אונז גייט אָן די פאַרהעלטניש צווישן די אויסגאַבן און דער פאָלקס־הכנסה און נישט די אַבסאָלוטע הויך פון די אויסגאַבן.

אַרויסגייענדיק פון דעם שטאַנדפונקט, איז די פינאַנסירונג פונם אויפבוי־פּלאַן אָן שום ספק אַ שווערע לאַסט פאַרן לאַנד. דאָס שלינגט איין אַ העלפט אָדער אפשר נאָך מער פון דער גאַנצער פאָלקס־הכנסה אין פאַרלויף פון די געפּלאַנטע 5 יאָר. צי די דאָזיקע ציפער איז ריכטיק, צי נישט, איינס איז יעדנפאַלס

קלאָר: אַ גאַנץ גרויסער טייל פון דער פאָלקס-הכנסה ווערט צוגענומען פון קאָנסום און ווערט פאַרווענדט אין דער פּראָדוקציע. אַזאַ זאַך האָבן מיר נישט געזען אפילו בעת דער וועלט-מלחמה; אפילו דאַן האָבן די רעגירונגען נישט צוגענומען ביים פאָלק אַזאַ טייל פון דער הכנסה.

די מחברים פון פּלאַן פאַרשטייען גאַנץ גוט, וואָסערע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פאָלגן ס'מוז האָבן זייער פּלאַן. זיי לייקענען גאָרנישט, אַז דער פּלאַן פאַרלאַנגט ענלעכע קרבנות און באַשרענקונגען, ווי בעת דער וועלט-מלחמה *). זיי ווייזן אָבער מיט רעכט אָן, אַז ס'איז אַ גרויסער אונטערשיד, צי דאָס געלט ווערט פאַרנוצט אויף מלחמה, צי אויף ווירטשאַפטלעכן ווידעראויפבוי. זיי קאָנען אָבער נישט פאַרלייקענען דעם פאַקט, אַז דער פינפיאָרפּלאַן האָט אַזוי פינאַנסיעל באַלאַסטעט די באַפעלקערונג, אַז נאָך קיינמאָל פרידנס-צייט איז אַזעלכעס נישט געהערט געוואָרן.

מען מוז אָבער מודה זיין, אַז אַן אַקומולאַציע און אַ נייע איבערפאַרטיילונג פון דער פאָלקס-הכנסה אין אַזאַ מאַסשטאַב, ווי דאָס זעט פאָר דער פינפיאָרפּלאַן, איז ביז גאָר אַן אימפּאָזאַנטע זאַך. דאָס, וואָס די דאָזיקע לאַסטן ווערן נישט באַשטימט אויפן פאַרלאַמענטאַרישן וועג, מאַכט די לאַגע אַביסל געשפּאַנטער, אָבער די זאַך גופא ווערט דורכדעם נישט ווייניקער איינדרוקספול, לויט איר געוואַגטקייט. ביי אַזאַ אַרט באַלאַסטונג פרעגט מען קיינמאָל נישט אָן פריער ביים פאָלק, אַזאַ באַלאַסטונג ווערט אויפגעצוווּנגען, ביי געוויסע אומשטענדן, און דאָס

---

*) „אזא מאָבּיליזאַציע (פון די מלוכהשע פינאַנסן) — זאָגט קזשיזשאַנאָווסקי, דער פאָרזיצער פון דער מלוכהשער פּלאַן-קאָמיסיע — איז אנדערש־ווו געווען מעגלעך נאָר בעת אַ מלחמה. אָבער בעת דער מלחמה ווערן די דאָזיקע מיטלען פאַרשווענדעט, און דער רעזולטאַט איז אַ ווירטשאַפטלעכע דעפּרעסיע. מיר דאַרפן מאָבּיליזירן אונזערע מיטלען, כדי צו שטאַרקן אונזער פּראָדוקציע-אַפּאַראַט און צו אנטוויקלען די פּראָדוקציע. מיר זענען פעסט איבערצייגט אין די פּאָזיטיווע נוצן פון אונזער פּלאַן און דערוואַרטן, אַז נאָך די 5 יאָר וועט דער רובל נישט פאַלן, נאָר ס'וועט זיך הויבן זיין קויף-קראַפט".

פּאָלק מוז מיט איר שלום-מאַכן. ביי אַזאַ לאַגע איז דער פּרוזירשטיין נישט די צושטימונג פון פּאָלק, נאָר דער ווידערשטאַנד, וואָס דאָס פּאָלק ווייזט אַרויס. אין געגעבענעם פאַל, ביי דעם פינפיאָרפּלאַן, איז דער ווידערשטאַנד גאָר אַן אומבאַדייטנדיקער, און דאָס איז ער געווענדעט נישט קעגן פינפיאָרפּלאַן אַלס אַזעלכן, נאָר קעגן דעם צו שטאַרקן טעמפּ. געוויס, די קאָסטן פון פּלאַן זענען אומגעהייערע און זיי וואַקסן אין אַ פיל שנעלערן טעמפּ, ווי די פּאָלקס-הכנסה. אין פאַרגלייך מיטן יאָר 1929 זאָל די פּאָלקס-הכנסה אין יאָר 1930 האָבן אויסגעוואָקסן אויף 20 פּראָצ. — דאָס איז אַ גוואַלדיקער וווקס! אָבער גלייכצייטיק זענען די הוצאות אויף דעם ווידעראויפבוי געשטיגן אויף 43 פּראָצענט! די זעלביקע דיספּראָפּאָרץ באַקומען מיר, ווען מען פאַרגלייכט די הוצאות פונם פּלאַן מיט אַנדערעווירטשאַפטלעכע אינדעקסן, צום ביישפּיל: מיטן וווקס פון דער פּראָדוקציע, מיטן וווקס פון דעם סחורה-אָפּזאַץ, אָדער מיט דער אַנטוויקלונג פונם טראַנספּאָרט.

דער בודזשעט

מען טאָר, נאַטירלעך, נישט פאַרגעסן, אַז דער בודזשעט פון דער רוסישער מלוכה איז נישט קיין נאָרמאַלער בודזשעט. אמת, סיי דער פאַרנעם, סיי די מעטאָדן פון דער נייער קאָמפּליצירטער רוסישער פינאַנס-סיסטעם, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען מלוכהשער פינאַנס-פּלאַן, זענען נאָך נישט אויסקריסטאַליזירט ענדגילטיק; די אַלגעמיינע שטריכן פון דאָזיקן פינאַנס-פּלאַן זענען שוין אָבער גענוג קלאָר און מ'קאָן זיך מאַכן אַ באַגריף וועגן זיין פאַרנעם. קורץ געזאָגט, נעמט אַרום דער פינאַנס-פּלאַן אויסער די געוויינלעכע מלוכהשע הכנסות אויך די הכנסות פון דער סאָציאַליזירטער אינדוסטריע און האַנדל, פון די בענק און קרעדיט-אינסטיטוציעס, און נאָך פון אַ רייע אַנדערע קוועלן, ווי קאָמונאַל-בודזשעטן, פאָנד פון סאָציאַל-פאַרזיכערונג און איבערלעכע הלוואות. אַזאַ צענטראַליזירטע סיסטעם פון מלוכה-

פינאַנסן איז מעגלעך צו פאַרווירקלעכן אין דער פולער מאָס נאָר אין אַ פולשטענדיק-סאָציאַליזירטער מלוכה. אין ראַטן-פאַרבאַנד, ווו די מערהייט פויערים בלייבן נאָך ביי זייער פריוואַט-אייגנטום און ווו אַ טייל פון האַנדל און אינדוסטרי געפינט זיך נאָך אויך אין פריוואַטע הענט, קאָן די פאַראיינהייטלעכטע פינאַנס-סיסטעם נאָך נישט אַרויסווייזן איר גאַנצע ווירקונג. צוליב די דאָזיקע טעמים האַלט נאָך איין דער ראַטן-פאַרבאַנד אויף דער איבערגאַנג-צייט פאָרמעל די סיסטעם פון מלוכה-בודזשעט. אָבער שוין איצט שיידט זיך דער רוסישער בודזשעט, אין זיין פאַרנעם און אין זיין מעטאָד, שטאַרק אונטער פון די בודזשעטן פון אַנדערע לענדער.

פאַרגלייכט מען דעם בודזשעט פון יאָר 1929/30 מיטן יאָר 1928/29, זעט מען, אַז די הכנסות פון שטייערן וואַקסן אַ סך לאַנגזאַמער, איידער די הכנסות פון מלוכהשן ערד-באַזיץ און פון סאָציאַליזירטן סעקטאָר אין דער אינדוסטרי. אין יאָר 1928/29 האָבן די שטייער-הכנסות באַטראָפן 48.7 פראָצענט פון גאַנצן בודזשעט, אין יאָר 1929/30 — 47.3 פראָצ.; די הלוואות האָבן אין פאַריקן יאָר באַטראָפן 8.8 פראָצ., אין איצטיקן יאָר 10.4 פראָצענט. די אַלגעמיינע הכנסות זענען געשטיגן פאַר דעם איינעם יאָר פון 8.2 מיליאַרד אויף 11.6 מיליאַרד רובל.

באַזונדערס אינטערעסאַנט איז, פון וואַנען שטאַמען די פאַרגרעסערטע הכנסות. קאָמפּעטענטע פינאַנס-אויטאָריטעטן מיינען, אַז נאָר אַ העלפט פון דער פאַרגרעסערונג נעמט זיך פון דער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג, און די צווייטע העלפט — 1.8 מיליאַרד רובל - מיינען זיי, שטאַמט פון אַנדערע קוואַלן, הויפּטזעכלעך פון די אַקומולירטע געלטער פון דער אינדוסטרי.

איך וויל ביי דער געלעגנהייט דערמאָנען די דעבאַטע, וואָס האָט זיך פאַריקן יאָר געפירט אַ געוויסע צייט אין דער באָלשעוויסטישער פרעסע. די צייטונגען האָבן געשטורעמט דעם פינאַנס-קאָמיסאַריאַט, ער זאָל זיכערן אַ גרעסערע הכנסה פאַר דער מלוכה איינפאַך דורך העכערן די פרייזן. די רעגירונג האָט אָפּגעוואָרפן די דאָזיקע אומזיניקע פאָדערונגען, מיט דער מאָ-

טיווירונג, אַז יעדע העכערונג פון די פרייזן מוז באַגלייט ווערן דורך אַן אַנטשפּרעכנדיקן וווּקס פון די לוינען; דאָס וואָלט אָבער אַרויסגערופן אַן אינפלאַציע, און ממילא וואָלט נישט דערגרייכט געוואָרן דער געוווּנטשענער ציל. פאַרקערט, די רעגירונג וויל דורכן פינפיאָרפּלאַן דערגרייכן אַ פאַרקלענערונג פון די פרייזן, וועלכע איז טאַקע שטאַרק נויטיק.

די פרייזן-מאַנעווּרירונג געהערט צו די וויכטיקסטע אידייען ביים פינאַנסירן דעם פינפיאָרפּלאַן. די באָלשעוויקעס זענען פעסט אַנטשלאָסן צו פאַרקלענערן די פּראָדוקציע-קאָסטן אויף 35 פּראָצ.; זיי ווילן אָבער נישט די גאַנצע אָפּגעשפּאָרטע דערביי סומע אַוועקגעבן דעם קאָנסומענט אין פאָרם פון פאַרקלענערטע פרייזן; זיי ווילן פאַרקלענערן די פרייזן נאָר אויף 24 פּראָצענט און די איבעריקע 11 פּראָצ. פאַרווענדן אויף נייע אינוועסטיציעס אין דער אינדוסטרי.

אַ סך מאָטיוון רעדן פאַר דעם, אַז מען דאַרף די פרייזן דורכאויס פאַרקלענערן. ערשטנס, מוזן די פרייזן אין רוסלאַנד ווי ווייט מעגלעך אויסגעגלייכט ווערן מיט די פרייזן אויפן וועלט-מאַרק. דאָס פאַרקלענערן די פרייזן אויף 24 פּראָצ. וועט אין דעם פּרט נאָך נישט זיין גענוג. צווייטנס, מוז מען די פרייזן פאַרקלענערן, אויב די מלוכה וויל באמת העכערן די קויפּ-קראַפט פון רובל. דריטנס, מוזן די פרייזן פון די אינדוסטרי-אויסאַרבעטונגען אַנטשפּרעכן מער אָדער ווייניקער די פרייזן פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן. צי איז אָבער איבערהויפּט מעגלעך צו פאַרקלענערן די פּראָדוקציע-קאָסטן אויף גאַנצע 35 פּראָצענט? — וועט מען פרעגן. און אויף וואָס פאַר אַן אופן ווילן די מחברים פונעם פינפיאָרפּלאַן דאָס דערגרייכן? היינט-צו-טאָג מערקן זיך אָן פאָלגנדיקע וועגן און מיטלען אויף צו דערגרייכן דאָס: ראַציאָנאַליזאַציע און מעכאַניזאַציע פון דער אַרבעט, די גרעסטע שפּאָרזאַמקייט אינעם פאַרברויך פון הייץ-מאַטעריאַלן און רוי-שטאָפן, העכערן די פאַך-קענטעניש און דעם קולטורעלן-ניוואָ פון די אַרבעטער, מאָדערניזירן די פאַבריקן און זייער אויסשטאַטונג. דער דאָזיקער סטראַטעגישער מאַנעוור-

דער מלוכה־בודזשעט פון ראטן־פארבאנד

הכנסות

(אין מיליאָנען רובל)

	הכנסה פאר 1928/29	שאצונגען פאר 1929/30
דירעקטע שטייערן:		
ערד־שטייער	449.4	415.0
אומזאַץ־שטייער	1.055.9	1.814.4
הכנסה־שטייער	285.4	494.4
אַנד. דירעקטע שטייערן	20.9	28.4
צוזאַמען	1.811.6	2.752.2
אומדירעקטע שטייערן:		
געבּרויך־שטייערן	1.802.6	2.217.2
צאָל	258.2	372.0
צוזאַמען	2.060.8	2.589.2
שטעמפּל־אָפּצאָלן א. אַנד. שטייערן	127.6	161.6
אַלגעמיינע איינקונפטן	4.000.0	5.503.0
מלוכה־אייגנטום און אונטערנעמונגען:		
טראַנספּאָרט	2.199.7	2.798.9
פּאָסט און טעלעגראַף	202.5	260.6
אינדוסטריע	272.4	854.1
האַנדל	31.2	212.2
בּענק	108.5	117.0
וועלדער	307.6	450.2
קוילן־גרובּן	65.6	79.3
אַנדערע מלוכה־אייגנטום	45.8	37.3
צוזאַמען	3.233.3	4.809.6
פאַרשידנס	130.8	98.4
אַלגעמיינע נישט־שטייער־לעכע איינקונפטן	3.364.1	4.908.0
מלוכה־הלוואות	724.8	1.210.0
פון פאַריקן יאָר	115.1	—
אַלגעמיינע סומע	8.204.0	11.621.0

הוצאות

	אויסגאַבן אין 1928/29	שאַצונגען אויף 1929/30
פאָלקס-קאָמיסאַריאַטן:		
אַלע פאָלקס-קאָמיסאַריאַטן אויסער: פּאָסט, טעלעגראַף און פאַרקער	1.327.0	1.102.6
פאַרקער-קאָמיסאַריאַט	2.942.3	2.332.6
פּאָסט און טעלעג.-קאָמיסאַריאַטן	267.6	193.1
קאָמיסאַריאַטן פון די רעפּובליקן	798.6	599.0
צוזאַמען	5.335.5	4.227.3
אויסגאַבן אויף ווירטשאַפט-לעכע צוועקן:		
אינדוסטרי	1.886.2	1.002.0
עלעקטריפיצירונג	310.0	175.2
לאַנדווירטשאַפט	658.6	430.9
וואַסערוועגן	110.0	(*
האַנדל	407.0	247.0
קאָאָפּעראַציע	16.0	4.3
קאָמונאַל-קרעדיט און וווינונג-וועזן	120.2	61.9
אייזנבאַנען-בוי	265.4	123.2
פאַרשידנס	35.0	50.5
צוזאַמען	3.808.4	2.095.0
ספּעציעלער פאָנד	373.8	248.9
צוגאָב צום קאָמונאַל-שטייער	1.209.0	1.014.6
מלוכהשער הלואה-דינסט	450.0	294.1
פאַרשידנס, איינשליסלעך די אויסגאַבן פון די אויטאָנאָמע רעפּובליקן	444.4	222.8
באַזונדערע רעזערוון	—	50.8
צוזאַמען	11.621.1	8.153.5

*) איז איינגעשלאָסן אין לאַנדווירטשאַפטלעכן קאָמיסאַריאַט.

איז אַן אינטעגראַלער באַשטאַנד־טייל פון גאַנצן אינדוסטריאַלי־זאַציע־פּלאַן; זאָל נישט געלונגען די אַקציע צו פאַרקלענערן די פרייזן — ווערט דערשיטערט דער גאַנצער יסוד פונם פּלאַן. אַ העכערונג פון די פרייזן איז פאַר די באָלשעוויקעס געווען שטאַרק נישט אַנגענעם. אָבער פרווון צו העכערן די פרייזן זענען דאָך פאָרגעקומען. דער נסיון איז געווען צו שטאַרק, אַזוי אַז די באָלשעוויקעס האָבן זיך געלאָזן אויף אַן אייגנ־אַרטיקן קאָמפּראָמיס. ס'זענען באַשטימט געוואָרן צוויי־ערליי פרייזן: פון איין זייט אָפיציעלע פרייזן פאַר די נאָרמירטע דורך דער מלוכה „פּאָרציעס", פון דער אַנדערער זייט — כמעט טאָפּלטע פרייזן פאַר „פרייע" סכומים פון דער זעלבער סחורה. דורך דעם דאָזיקן מאַנעוור, וועלכער האָט, לויט דער מיינונג פון די באָלשעוויקעס, נישט געשעדיקט די אינטערעסן פון די אַרבעי־טער, און דורך העכערן די פאַרברויך־שטייערן אויף „סחורות, וועלכע זענען אמת מאַסן־אַרטיקלען, נאָר זיי זענען נישט לעבנס־וויכטיק", ווי ביר, בראָנפן, טאַבאַק, פּערפום, פּודער, האָט די רעגירונג געהעכערט איר הכנסה אויף 5.4 מיליאַרד רובל. איצט האָט מען אָט די „דיפערענצירטע" אָדער „קלאַסן"־פרייזן שוין אָפּגעשאַפט, ווארשיינלעך צוליבן מאַנגל אין סחורות.

שטייערן און אויסגאַבן

גענויער ווי די שטייערן ווערן צוזאַמענגעשטעלט, קאָן מען זען פון די בודזשעטן פאַר 1928/29 און 1929/30. אין לעצטן יאָר האָבן די שטייערן איינגעבראַכט מיט 1.503 מיליאָן רובל מער, ווי אין פאָריקן יאָר ד. ה. אַ צוּוואַקס פון 37.6 פּראָצענט; די פאַר־גרעסערטע הכנסה שטאַמט כמעט אין אַ גלייכער מאָס פון די־רעקטע און אומדירעקטע שטייערן. אויפן ערשטן אָרט לויט דער העכערונג גייט דער אומזאַץ־שטייער, דאַן פאַרברויך־שטייער, פאַר־קער־שטייער, שטייער פון דער מלוכהשער אינדוסטרי און שטייער פון מלוכה־הלוואות. אינטערעסאַנט איז דער פאַקט, אַז די הכנסה פון לאַנדווירטשאַפטלעכע־שטייערן איז פאַרקלענערט געוואָרן —

צוליב די הנחות און שטייער-פאַרלייכטערונגען, דורך וועלכע די רעגירונג וויל שטיצן די אַנטוויקלונג פון דער לאַנדווירט-שאַפט און געווינען די פויערים פאַר די קאָלעקטיוון.

12 מיליאַרד רובל איז זיכער אַ ריזיקע סומע. דער ווי-דעראויפבוי קאָסט אָבער אַ סך מער נאָך, ווי אָט די בודזשעט-סומע. די גאַנצע קאָסטן-סומע גיט אונז ערשט אָן דער פינאַנס-פּלאַן, וועלכער נעמט אַרום, ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגע-וויזן, אַ חוץ דעם מלוכה-בודזשעט אויך די קאָמונאַלע בודזשעטן, די הכנסות פון סאָציאַל-פאַרזיכערונגען און קרעדיט-וועזן, און אויך די הוצאות אויף דער אינדוסטרי, אויף קאָאָפּעראַציע, אויף פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און ענלעכע קערפּערשאַפטן. אין אַל-געמיין דיספּאָנירט דער פינפיאָרפּלאַן אויפן יאָר 1929/30 מיט איינגעפּלאַסענע און ווידערפאַרטיילטע סומען אין דער גרויס פון 19 מיליאַרד רובל. דערפון גייען 12.5 מיליאַרד אויף אינ-דוסטרי און לאַנד-ווירטשאַפט, 4 מיליאַרד אויף סאָציאַלע נויטן און קולטור-צוועקן (בילדונג- און געזונטהייט-וועזן), 2 מיליאַרד אויף פאַרוואַלטונג און לאַנד-פאַרטיידיקונג, און 500 מיליאָן אויף אַלע אַנדערע פאַרשידענע אויסגאַבן. מיט איין וואָרט: 63 פּראָצענט פון די פאָלק-הכנסות פאַרברויכט די פאָלקס-ווירט-שאַפט, 21 פּראָצ. די אַזוי גערופענע קולטור-רעוואָלוציע, 10 פּראָצ. פאַרוואַלטונג און אַרמיי, אַלע איבעריקע — 6 פּראָצענט.

דער דאָזיקער קורצער אַנאַליז פון די הכנסות און הוצאות ווייזט, אין וואָס פאַר אַ גוואַלדיקער מאָס ס'ווערט פינאַנסירט דער ווידעראויפבוי. אַן אַקומולאַציע און איבער-פאַרטיילונג פון קאַפּיטאַל אין אַזאַ גיגאַנטישן מאַסשטאַב איז אַ זאַך וואָס איז נאָך ביז איצט נישט געהערט געוואָרן. איז דאָס איבערהויפּט מעגלעך? פון די פּראָיעקטן פון לעצטן קוואַרטל פון יאָר 1930 און אויפן יאָר 1931 זעט מען, אַז די מחברים פון פינפיאָרפּלאַן האַלטן די פינאַנסירונג אין דער דאָזיקער מאָס נישט נאָר פאַר מעגלעך, נאָר זיי מיינען אַפילו, אַז מען קאָן נאָך העכערן די סומען. אויפן 1931 יאָר זענען די אויסגאַבן דערוויַיל פּראָיעקטירט אויף 30.5 מיליאַרד, אַנטקעגן די 19 מיליאַרד פון פאָריקן יאָר.

אין 1929/30 האָבן די אויסגאַבן באַטראָפן 60 פּראָצ. פון דער פּאָלקס-הכנסה, היינטיקס יאָר וועלן זיי אויסמאַכן נישט ווייניקער ווי 70 פּראָצענט. אינטערעסאַנט איז אויך צו פאַרגלייכן די נייע פּראָיעקטירונגצן מיט די לכתחילהדיקע. צוערשט האָט דער פינפיאָרפּלאַן פּאָרויסגעזעען פאַרן יאָר 1929/30 אויסגאַבן אין דער הויך פון 14.2 מיליאַרד רובל, פאַר דעם יאָר 1930/31 — 17.1 מיליאַרד, און פאַרן יאָר 1931/32 — 20 מיליאַרד. פון וואַנען זשע נעמט זיך די כּסדרדיקע שטייגונג? איז זי אַ פּראָדוקט פון דעם נאַטירלעכן וווּקס פון מיטלען, ווי דאָס זעט פאָרויס דער פינפיאָרפּלאַן? דערקלערט זי זיך אפשר מיט דעם, וואָס דער גאַנצער פּלאַן ווערט אויסגעברייטערט? אָדער איז דאָס גאָר אפשר נאָר אַ רעזולטאַט פון אינפלאַציע?

איך מיין, אַז דאָ ווירקן אַלע דריי סיבות צוזאַמען. מען קאָן נאָך אָבער איצט נישט פעסטשטעלן, ווי גרויס ס׳איז די ווירקונג פון יעדער פון די דריי סיבות באַזונדער.

V. אינפלאַציע

אַז רוסלאַנד גייט אַדורך אַ נייע אינפלאַציע, דאָס באַווייזן שוין די אָפיציעלע באַריכטן וועגן דער געלט-צירקולאַציע. אַ געגנוגנדער באַווייז איז שוין דאָס אַליין, אַז דעם 1-טן אָקטאָבער 1928 איז אין אומגאַנג געווען 1.970 מיליאָן רובל, צום 1-טן אָקטאָבער 1929 — שוין 2.642 מיליאָן און דעם 1-טן סעפּטעמבער 1930 שוין 4.750 מיליאָן רובל. אָבער מען באַדאַרף גאָר נישט אָט די ציפער-באַווייזן. יעדער, וואָס קומט קיין רוסלאַנד, דערשפּירט גלייך די אינפלאַציע. ווער עס געדענקט נאָך די צייטן פון דער אינפלאַציע אין דייטשלאַנד, פילט גלייך ביים אָנקומען קיין מאָסקווע, אַז דאָ קומט פאָר עפּעס ענלעכעס. אָבער ס׳איז אויך פאַראַן אַן אונטערשיד צווישן דאָ און דאָרט, און איך מיין, אַז דער אונטערשיד איז גרעסער, ווי די ענלעכקייט. אין רוסלאַנד מערקט מען די אינפלאַציע נאָר אויף דעם אַזוי גערופענעם „פרייען מאַרק", בעת אויף דעם „קאָנ-

טראָלירטן" מאַרק פּילט מען זי כמעט נישט. יעדנפאַלס מוז מען זאָגן, אַז דאָס גאַנצע געלט, וואָס קאָן נישט אויסגעגעבן ווערן אויפן אָפיציעלן מאַרק, גייט אַוועק אויפן פרייען מאַרק, ווו ס'גילט שוין דער געזעץ פון אָנבאָט און נאָכפרעג און ווו די פּרייזן שפרינגען שנעל אין דער הויך.

די געגויע פּאַרהעלטניש צווישן פרייען און קאָנטראָלירטן מאַרק איז שווער פעסטצושטעלן. אויב מ'זאָל צורעכנען די אינדיווידועלע פּויערים צו דעם נישט-סאָציאַליסטישן אָדער פרייען מאַרק, דאַן וועלן זיך די ביידע כמעט ווי אויסגלייכן. אָבער דער האַנדל אין די דערפער איז היינט אויך נאָך בעיקר אַ טויש-האַנדל, אַזוי אַז די אינפלאַציע האָט דאָ כמעט קיין שום ווירקונג נישט. רעכנט מען נאָר די שטאָטישע מערק, דאַן איז די פּאַרהעלטניש צווישן קאָנטראָלירטן און פרייען מאַרק, ווי צווישן 3 און 1. און דערפאַר טאַקע קימערט זיך די ראַטן־מאַכט וועגן דער אינפלאַציע אַ סך ווייניקער, ווי מען וואָלט געקאָנט דערוואַרטן.

און נאָך אַן אייגנאַרטיקן שטריך האָט די רוסישע אינ־פלאַציע: די פּערספּעקטיוו אויף ווייטער. דייטשלאַנד האָט גע־קאָנט אַרויסבאַקומען זיך פון דער אינפלאַציע נאָר דורך שאַפן אַ נייע וואַלוטע. אין ראַטן-פאַרבאַנד אָבער קלערט אפילו קיי־נער נישט וועגן דערלאָזן דערצו, אַז דער טשערוואָניעץ זאָל איינגאַנצן אָנווערן זיין ווערט, און דאַן ערשט אים פּאַרטוישן דורך אַ נייער וואַלוטע. דאָרט וויל מען די פּראָבלעם לעזן אויף דעם אופן, וואָס מען וועט העכערן די פּראָדוקציע און פאַרזאָרגן דעם קאָנטראָלירטן מאַרק אין אַ געהעריקער מאָס מיט קאָנסום-אַרטיקלען. און ווירקלעך, די רוסישע אינפלאַציע שטאַמט דאָך טאַקע פון דעם, וואָס אַ גוואַלדיקער טייל פון דער פאָלקס־הכנסה ווערט צוגענומען ביים קאָנסום און אַוועקגעגעבן דער פּראָדוקציע. דאָס, וואָס דער לייכט-אינדוסטרי, ווי טעקסטיל אוּן לעדער, ווערט אָפּגעגעבן אַ סך ווייניקער אויפמערקזאַמקייט, ווי דער שווער-אינדוסטרי — דאָס איז אין דער ערשטער רייע די סיבה פון דער אינפלאַציע. אויך דער עקספּאָרט פון לעבנס־

מיטלען, פון טעקסטיל-סחורות א. ד. גל. האָט מיטגעווירקט צו דער אינפלאַציע, אַ חוץ וואָס אַזאַ עקספּאָרט האָט אַ שלעכטע סאָציאַלע און מאָראַלישע ווירקונג.

עס זענען אָבער פאַראַן שוין פאַרשידענע סימנים, אַז מען קלייבט זיך צו ענדערן אָט די פּאָליטיק. מען האָט זיך לעצטנס זייער ענערגיש גענומען צו פּראָדוצירן טעקסטיל-סחורות, שטיוול, שיך, קאַלאָשן, צוקער און קאָנפעקציע-אויסאַרבעטונגען, מ׳זאָרגט דערפאַר, אַז גרעסערע קוואַנטומס פון די אַלע סחורות זאָלן צוגעשטעלט ווערן אויפן קאָנטראָלירטן מאַרק.

אַלזאָ, דער פריער דערמאָנטער אונטערשיד צווישן דער אינפלאַציע אין ראַטן-פאַרבאַנד און אין דייטשלאַנד — וואָס צוליב דעם איז אין ראַטן-פאַרבאַנד נישט פאַראַן די ספּעציפיש-אינפלאַציאָניסטישע פּסיכאָלאָגיע — ליגט אין דער פּערספּעקטיוו: אין דער מעגלעכקייט, אָדער וואַרשיינלעכקייט, אַז מען וועט דעם קאָנטראָלירטן מאַרק פאַרזאָרגן מיט געהעריקע קוואַנטומס קאָנסום-אַרטיקלען.

די קאָלאָסאַלע שפּאַנונג, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון דער אומגעהייערער פינאַנסירונג פון דעם ווידעראויפבוי, מוז אָדער נאָכלאָזן, אָדער אויפרייסן. און דאָס ווידער הענגט אָפּ פון דעם, צי ס׳וועט געלונגען צו פאַרביליגערן די פּראָדוקציע און צו פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע פון קאָנסום-אַרטיקלען.

VI. דער גאַנג פונם פּלאַן

צי וועט דער פּלאַן געלונגען? צי קאָן ער איבערהויפּט געלונגען? דאָס איז די אַנטשיידענע פראַגע, וואָס עס שטעלט זיך יעדער איינער, וואָס איז געווען אין לאַנד פון אָט דעם גרויסן עקספּערימענט. נאַטירלעך, איז די פראַגע לייכטער צו שטעלן, ווי זי צו פאַרענטפערן. ערשטנס, ווייס מען נישט, מ׳ט וואָס פאַרא מאָס צו מעסטן די דערפאָלגן פון אַזאַ עקספּערימענט. כאָטש פאָרמעל האָבן מיר פאַר זיך אַ קאָנקרעטן פּלאַן, גרייכט אָבער זיין אייגנטלעכער ציל פיל טיפער און האָט אַ סך אַ גרע-

סערע באַדייטונג, ווי דאָס קאָן זיך דוכטן ריין אויסערלעך. דאָס דאָזיקע עיקרדיקע לאָזט זיך אָבער נישט מעסטן לויט ווירט-שאַפטלעכע ווערטן, ווי די הויך פון די אינוועסטיציעס, די צאָלן פון דער פּראָדוקציע, די קילאָוואַט-שעה אויסגעאַרבעטע עלעקטרי, אָדער דער גראַד באַשעפטיקטקייט פון די אַרבעטער. צי וועט דער עקספּערימענט געלונגען אָדער נישט, צי וועט די רעוואָלוציע זיגן אָדער נישט — דאָס הענגט נישט אָפּ פון ווערטן, וואָס לאָזן זיך מעסטן און וועגן, נאָר דערפון, צי דער עקספּערימענט מאַכט פריי די מענטשלעכע ענערגיע, אָדער נישט. די לעצטע אַנטשיידונג פון דער פראַגע הענגט דעריבער אָפּ פון דעם, צי עס וועט געלונגען צו שאַפן אַ נייע איינשטעלונג צו די וויכטיקסטע יסודות פון לעבן — צו אַרבעט, צו אייגנטום, צו סאָציאַלער סטרוקטור.

און אויב אַזוי שטעלט זיך די פראַגע, דאַן איז גאָר קיין וווּנדער נישט, אַז מענטשן, מיט זייער ביז איצטיקער דערפאַ-רונג, קוקן אויף די געשעענישן אין רוסלאַנד דורך ברילן פון זייערע אייגענע פאָרורטיילן.

אפילו די רעזולטאַטן אין די ענגערע ראַמען פון דעם פּלאַן איז אויך שווער נאָך היינט-צו-טאָג ריכטיק אָפּשאַצן, ווייל אויך דאָ פעלט דער מאַסשטאַב. מיר קאָנען בלויז רעגיסטרירן די פאָרשריטן, וועלכע מיר זעען פון די ערשטע צוויי יאָר פון פּלאַן. דאָס ערשטע יאָר, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 1 אָק-טאָבער 1928 און געענדיקט דעם 30 סעפּטעמבער 1929, איז — לויט דער מיינונג פון דער רעגירונג — אַדורך מיט דערפאָלג. דער אַלגעמיינער וווּקס פון דער פּראָדוקציע האָט באַטראָפן 23,4 פּראָצענט, אַלזאָ, מיט 2 פּראָצ. מער, ווי ס'איז פאָרויסגע-זען געוואָרן פאַר דעם יאָר; דער אַריינגעלייגטער קאַפּיטאַל אין דער אינדוסטרי איז — לויט די אָפיציעלע באַריכטן — געשטיגן אויף 17.7 פּראָצענט. 91 נייע פאַבריקן האָבן פּראָדוצירט סחורות אויף אַ סומע פון 168 מיליאָן רובל. אַ סך צווייגן פון דער אינדוסטרי: נאַפט, לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען און מכשירים, עלעקטרישע אַפּאַראַטן, גומע-אַרטיקלען, מעטאַל-פּראָדוקטן א. אַ.

האָבן איבערגעשטיגן די פּראָדוקציע-קוואָטע, וואָס ס'איז פאַר זיי באַשטימט געוואָרן. בלויז די בוי-אינדוסטרי, די כעמישע אינדוסטרי און די אינדוסטרי פון צוקער און באַמיסטיקונגס-מיטלען זענען געבליבן הינטערשטעליק, אַלע איבעריקע אינדוסטריעס האָבן דערגרייכט זייער קוואָטע.

אמת, די דאָזיקע דערפאָלגן ווערן דערגרייכט פאַרן פּרייז פון געפאַלענער קוואַליטעט. און דאָס איז אַזוי סיי אין דער פּראָדוקציע פון קאָנסום-אַרטיקלען, סיי אין דער פּראָדוקציע פון פּראָדוציר-מיטלען. מיט אַנדערע ווערטער: נישט בלויז טעקסטיל-לעדער- און גומע-סחורות זענען פון שלעכטער קוואַליטעט, נאָר אויך באַן-שינעס און לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען. די פאַרערגערונג פון די סחורות איז צום טייל אַ רעזולטאַט פון דער שלעכטער קוואַליטעט פון די רוי-שטאָפן, אָבער דער עיקר — אַ רעזולטאַט דערפון, וואָס די סחורות ווערן אויסגעאַרבעט דורך נישט-קוואַליפיצירטע אָדער האַלב-קוואַליפיצירטע אַרבעטער. אויך די פּראָדוקציע-קאָסטן זענען געבליבן אומגעהייער הויכע.

נייע שוועריקייטן

מען האָט זיך געריכט, אַז דאָס צווייטע פלאַן-יאָר וועט זיין זייער אַ שווער יאָר. שוין פון פאָרויס האָט דער פלאַן געשטעלט פאַר די אַרבעטער אויפן יאָר 1930 געננוג שווערע אויפגאַבן. די רעגירונג אָבער, פאַרפירט דורך די דערפאָלגן פון ערשטן יאָר, האָט נאָך די אויפגאַבן פאַרגרעסערט: זי האָט דעקרעטירט אַ וווקס פון דער פּראָדוקציע נישט אויף 21 פּראָצ., ווי ס'האָט פאָרויסגעזעען דער פלאַן, נאָר אויף גאַנצע 31 פּראָצ. מיט וואָס פאַר ליידן אַזאַ פּראָגראַם איז פאַרבונדן, האָט מען רעכט דערפילט ערשט אין די ווינטער- און פרילינג-חדשים פון 1930, ווען פלייש און פעטס איז געוואָרן אַזוי ווייניק, אַז מען האָט געמוזט איינפירן אַ שטרענגע ראַציאָנירונג פון אָט די לעבנס-פּראָדוקטן. און דער-מיט אַליין האָבן זיך נאָך די שוועריקייטן נישט אויסגעשעפּט. די רעגירונג איז געווען געצוווּנגען ראַדיקאַל צו ענדערן איר פּאָליטיק אין באַצוג צו די פּויערים, כּדי זיך קאָנען אַן עצה געבן מיט דעם פון דאָס ניי אויפגעלעבטן קלאַסנקאַמף, וועלכער האָט

נישט קיין קליינעם חלק שולד געהאַט אין דער אַלגעמיינער נויט. די פויערישע אומרועןן האָבן נישט בלויז באַשווערט די פאַרזאָרגונג פון די שטעט מיט לעבנסמיטלען, נאָר ס'האָבן צו־ליב דעם אויך געפעלט רוי־שטאָפן, ווי בוימוואָל, פלאַקס א. א. ס'איז גענוג צו דערמאָנען דעם פאַקט, אַז די פויערים האָבן אָנגעהויבן מאַסנווייז אויסצושעכטן דאָס פי. און נאָך ווייטערדיקע נייעסן האָבן געמוזט איינגעפירט ווערן אין דעם יאָר — ראַדי־קאַלע ענדערונגען אין די אַרבעט־באַדינגונגען. די פערמאַנענטע פינפטאָגיקע וואָך מיט אירע 3–2 אַרבעטס־שיכטן האָט זיך אין אַלגעמיין אַרויסגעוויזן פאַר ווייניקער גינסטיק פאַר דער פּראָ־דוקציע, ווי מ'האָט גערעכנט. דאָס כּסדר טוישן די שיכטן מוז זיך שלעכט אָפּרופן אויף דער פּראָדוקציע. יעדער שיכט אַרבע־טער מוז זיך ערשט צופּאַסן צו די מאַשינען, זייער פּראָדוק־טיוויקייט ווערט דורכדעם פאַרקלענערט. אָבער די שיכט־סיסטעם האָט דאָך געמוזט איינגעפירט ווערן אומעטום, ווייל וואָס מער ס'האָט זיך אַנטוויקלט די פּראָדוקציע, אַלץ מער האָט מען גע־מוזט אָנקומען צו איר — אָבער דאָס הייסט, אַז עס זענען אַריינ־געפירט געוואָרן אַלץ נייע נישט־קוואַליפיצירטע אָדער האַלב־קוואַ־ליפיצירטע אַרבעטער, צום שאָדן פון דער פּראָדוקציע.

און נאָך אַ נייע ספּעציעלע שוועריקייט האָט זיך באַוויזן אין דעם יאָר — די אַ. ג. „פלוקטואַציע" (פליסיקער באַשטאַנד) פון די אַרבעטער. טויזנטער אַרבעטער האָבן אַרומגעוואַנדערט פון איין פאַבריק אין דער צווייטער, פון איין אַרבעט־פּלאַץ צום אַנדערן — זוכנדיק בעסערע דערנערונג־באַדינגונגען און העכערע לוינען. מ'האָט תּחילת געמיינט, אַז די פלוקטואַציע איז נאָר אַ צייטווייליקע דערשיינונג, אַרויסגערופן דורך דער אייביקער וואַנדער־לוסט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די רוסן; היינט־צו־טאָג האָט זיך אָבער די דערשיינונג אַזוי פאַרשפּרייט, אַז ווען אַ פּרעמדער קומט אין די זומער־חדשים קיין ראַטן־פאַרבאַנד, קאָן ער אָננעמען דאָס לאַנד פאַר איין גרויסן פעלד־לאַגער. נאָך קיינמאָל איז אַרומרייזן און באַזוכן נייע געגנטן נישט געווען אַזוי פאַרשפּרייט אין רוסלאַנד, ווי איצט. וואָס פאַר אַ חלק עס

האָט אין אַ דער „פלוקטואַציע" דער חשק בכלל צו וואַנ־דערן — דאָס איז שווער צו זאָגן. מען דאַרף אָבער געדענקען, אַז אַמשטאַרקסטן איז די פלוקטואַציע אין דאָנעצער קוילן־באַסיין, וועלכער איז באַקאַנט מיט זיינע שלעכטע דערנערונג־ און אַרבעט־באַדינגונגען.

פאַרלאַנגזאַמטע פּראָדוקציע

יעדנפאַלס, אין יאָר 1930 איז דער וווּקס פון דער פּראָ־דוקציע אין פאַרגלייך מיטן פאָריקן יאָר נישט געשטיגן. נעמענ־דיק אין באַטראַכט, אַז דעם יאָר זענען אַריינגעלייגט געוואָרן ריזיקע סומען אין דער פּראָדוקציע, אַז די צאָל באַשעפטיקטע אַרבעטער איז אויך געוואָרן גרעסער און ס׳זענען געעפנט גע־וואָרן פיל נייע פאַבריקן — מוז מען פעסטשטעלן, אַז דער ט ע מ פּ פון דעם וווּקס האָט זיך פאַרקלענערט. אין אייניקע גרונט־אינדוסטריעס, צום ביישפּיל, בוי, טראַנספּאָרט, קוילן איז די פאַרקלענערונג אַ גאַנץ באַדייטנדיקע. דעם 3 סעפּטעמבער 1930 האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַר־טיי פאַרעפנטלעכט אין אַלע צייטונגען אַן אויפרוף צו אירע מיט־גלידער, צו די מיטגלידער פון די פּראָפ. פאַריינען און צו דער קאָמוניסטישער יוגנט וועגן פאַרשטאַרקן די אַקטיוויטעט. דער צענטראַל־קאָמיטעט וואַרפט דאָ די שולד פאַר דער פאַרקלענע־רונג פון דער פּראָדוקציע אויף דעם ביוראָקראַטיזם פון די פאַ־בריק־אָנפירער, אַז זיי האָט געפעלט ענערגיע און איניציאַטיוו, און — זייער גרעסטע זינד — זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען אויס־צונוצן די גרויסע שעפערישע אַקטיוויטעט פון די מאַסן. די די־רעקטאָרן, פון זייער זייט, פאַרטיידיקן זיך, אַז דער מאַנגל אין רוי־שטאָפן, אין קאַפּיטאַל, אין הייץ־מאַטעריאַל האָט געווירקט אויף דער פאַרקלענערונג פון דער פּראָדוקציע. דער צענטראַל־קאָמיטעט איז אָבער נישט מסכים מיט די דאָזיקע מאָטיוון און ווייזט אָן, אַז די פאַבריקן, וואָס האָבן פאַרשטאַנען אויסצונוצן די אַקטיוויטעט און איבערגעגעבנקייט פון די אַרבעטער, האָבן יאָ דערגרייכט די גאַנצע קוואָטע, וואָס איז פאַר זיי באַשטימט געווען.

ווייטער דערקלערט דער צענטראַל-קאָמיטעט אין אויפרוף, אַז די סאָציאַליסטישע אַרבעט-סיסטעם, וואָס האָט זיך אַזוי באַרעכטיקט ביי דער פאַרווירקלעכונג פונם פינפיאָרפּלאַן, וועט בייקומען אויך די נייע שוועריקייטן. וועט מען נאָר געבן די מאַסן פריי-ערע מעגלעכקייטן אַרויסצוווייזן זייער ענערגיע, וועט אַלץ גיין גוט. מען דאַרף, אַלזאָ, נישט מער, ווי זיך דירעקט ווענדן צו די מאַסן און זיי אויפפאָדערן נישט נאָר אויסצופירן די באַשטימטע פאַר זיי קוואָטע פון אַרבעט, נאָר זיי זאָלן זאָרגן פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון דעם גאַנצן פּלאַן און אים אַלע מאָל זען צופּאַסן צו די פאַר-העלטנישן אין די פאַבריקן.

נייע סטימולן

דער לאָזונג פון טאָג איז איצט אין רוסלאַנד: אַנטקעגנ-דיקע פּלענער פון אונטן, פון די מאַסן גופא. און מיט דער ספּעציפישער באָלשעוויסטישער עקשנות האָט מען זיך אַ וואָרף-געטון מיט דער גאַנצער ענערגיע צו אַנטוויקלען דעם „סאָציאַ-ליסטישן געוועט”. פאַר אַרבעטער, בפרט פאַר נאָך גאַנץ יינגע, איז דאָס אַ נייער קוואַל פון פרייד צו פילן זיך פאַר מיטשע-פער פונם אַרבעט-פּלאַן, אַ זאַך, וואָס האָט ביז איצט געהערט אויסשליסלעך צו די דירעקטאָרן. זיי שטודירן פלייסיק די אי-בערלעכע מעגלעכקייטן פון זייער פאַבריק און זאָגן צו פריי-וויליק אויסצואַרבעטן אַ קוואַנטום פּראָדוקטן, וואָס זאָל נאָך איבערשטייגן די נאָרמען פון דער פּלאַן-קאָמיסיע. איצט באַמיט מען זיך אויסצונוצן די דאָזיקע באַגייסטערונג פון די יינגערע אַרבעטער, כדי אָפּצושטעלן די „פלוקטואַציע”. ס'איז געוואָרן אַ פּאַטריאָטישע פליכט פאַר יעדן — צו פאַרבלייבן די פינף יאָר פונם פּלאַן אויף דעם זעלבן אַרבעט-פּלאַץ.

און דאָך בלייבט אַ פאַקט, אַז דאָס צווייטע פּלאַן-יאָר איז געווען ווייניקער דערפאָלגרייך, ווי דאָס ערשטע. אין קיין שום הינזיכט האָבן זיך נישט דערפילט די דערוואַרטונגען. ווען מען פאַרגלייכט אָבער די אַבסאָלוטע דערגרייכונגען פון

בײדע יאָר, דאַן זעען מיר גראָד אַן אױסערגעװײנלעכע ענלעכ־קײט. אין ערשטן יאָר איז דער צװואַקס פון דער פּראָדוקציע געװען גרעסער, װי דאָס האָט פאָרױסגעזען דער פּלאַן, אין צװײטן יאָר איז דער צװואַקס געװען קלענער, װי דער פּלאַן האָט פאָרױסגעזען. פּראַקטיש אָבער איז דער צװואַקס בײדע יאָרן געװען גלײך — 24 פּראָצענט. אויב דאָס װאָלט טאַקע געװען די העכסטע גרענעץ מעגלעכקײט פון אַנטװיקלונג, דאַן װאָלט דער פינפיאָרפּלאַן פאַרמשפּט געװען אויף דורכפאַל.

צי דער צװואַקס פון 24 פּראָצ. שטעלט מיט זיך פאָר דאָס העכסטע, ד. ה. אַ נאָרמע, אָדער דער צװואַקס װעט נאָך װײטער װאַקסן, אָדער פאַרקערט, פאַלן — דאָס קאָן װײזן נאָר די צײט. דאָס יאָר 1931 מוז יעדנפאַלס זײן אַ קריטיש יאָר. די דערפאַרונגען פון די לעצטע 3 חדשים פון יאָר 1930 קאָנען אונז געבן זײער באַלערנדיקע ידיעות װעגן די פּראָדוקטיװע כוחות פון ראַטן-פאַרבאַנד און זײנע מעגלעכקײטן. דעם דאָזיקן קװאַרטאַל רופט מען דער „אַנטרײב-פּעריאָד" און זײן דעװיז איז געװען: „מאָסקװע דערװאַרט, אַז יעדער מענטש זאָל זײן פליכט דערפילן". אָבער אַ יערלעכער צװואַקס פון 24 פּראָ־צענט איז אויך אַזאַ קאָלאָסאַלער, אַז ס׳איז זײער צװײפלהאַפט, צי ס׳װעט געלונגען אים אויפהאַלטן אויף װײטער. דער צװואַקס איז געקויפט פאַרן פרײז פון דער קװאַליטעט. אָבער װען אפילו מיר זאָלן אַראָפּרעכנען אַ געװיסן פּראָצענט אויף דעם חשבון פון דער קװאַליטעט, איז עס נאָך אַלץ אַזאַ װוקס, װאָס בײ קײן שום אַנדער פאָלק און אין קײן שום צײט האָט מען אים נישט געזען.

VII. די הויפּט-צװײגן פון דער אינדוסטריע

די אַנטװיקלונג פון די הויפּט-צװײגן פון דער אינדוסטריע אין משך פונם פינפיאָרפּלאַן איז אַזאַ בײדײטונגספולע, אַז ס׳איז כדאי נאָענטער זיך צו באַקענען מיט אָט דער אַנטװיקלונג.

קיין שום אייזן-מאַגנאַט אין דער וועלט איז נישט אַזוי פאַרכאַפּט און פאַרליבט אין אייזן און שטאָל, ווי די דאָזיקע מאַרקסיסטישע סאָציאַליסטן. דער „שוואַרצער מעטאַל" פאַרקער- פּערט פאַר זיי דעם סאָציאַליזם אין זיין געבוירן-סטאַדיע. און דערפאַר איז פאַר זיי קיין שום מי נישט צו גרויס און קיין שום קרבן נישט צו טייער, ווען ס'האַנדלט זיך וועגן אייזן און שטאָל. די העכסטע אַמביציע פון די באָלשעוויקעס איז צו פּראָדוצירן אייזן און שטאָל אַזויפיל ווי פאַר דער מלחמה און נאָך איבערשטייגן אָט די נאָרמע.

אין יאָר 1913 איז פּראָדוצירט געוואָרן 4 מיליאָן טאָן רוי-אייזן. רעוואָלוציע און בירגער-קריג האָבן דערפירט דערצו, אַז די פּראָדוקציע איז געפאַלן ביז נול. און אין יאָר 1921 האָט זי באַטראָפן קוים 7 פּראָצענט פון דער פאַרמלחמהדיקער פּראָ- דוקציע. דער וויטערדיקער וווקס איז פאָרגעקומען זייער לאַנג- זאַם. ווען די „פּיאַטילעטקאַ" האָט אָנגעמערקט די פּראָדוקציע- קוואָטע אויף די יאָרן 1929—33 אין דער הויך פון 4, 5, 6, 8 און 10 מיליאָן טאָן, האָט דאָס ביי אַלעמען אויסגעזעען ווי אַ זאַך, וואָס איז אוממעגלעך צו רעאַליזירן. אָבער דער צענטראַל- קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט היינטיקן זומער דערקלערט, אַז די פאַרויסגעזעענע קוואָטע פאַרן יאָר 1933 אין דער הויך פון 10 מיליאָן טאָן וועט נישט קלעקן פאַר די גע- ברויכן פון דער אינדוסטרי און לאַנדווירטשאַפט, מען וועט ברויכן מינימום 17 מיליאָן טאָן. צי אָט די נייע פּראָגראַם וועט זיך אַרויסווייזן פאַר אַן אוטאָפּיע — דאָס העננט אָפּ פון דער פּראָדוציר-פעיקייט פון די דאָמנע-אויוונס, וואָס האַלטן זיך נאָך אין בויען. די דאָזיקע אויוונס — אין מאַגניטאָ-גאָרסק, אין קוז- נעצק און זאַפּאָראָזשע — זאָלן אַליין פּראָדוצירן ביז $4^1/_2$ מיליאָן טאָן. צוזאַמען מיט אַ ריי קלענערע, ניי אויסגעבויטע אָדער פאַרגרעסערטע אויוונס, וועלן אָט די דריי ריזן-אונטערנעמונגען קאָנען אַרויסגעבן אַ פּראָדוקציע פון אַ 10 מיליאָן טאָן. ווו וועט

מען אָבער נעמען נאָך 7 מיליאָן טאָן – דאָס בלייבט נישט קלאָר.

גייען מיר איבער פון דער דאָזיקער צוקונפט-מוזיק צו דער יוירקלעכער פּראָדוקציע פון רוי-אייזן פאַר די לעצטע 2 יאָר, מוזן מיר פעסטשטעלן אַ גאַנץ ממשותדיקן דערפאָלג (ער באַ-רעכטיקט אָבער נאָך אַלץ נישט די פאַנטאַסטישע דערוואַרטונגען). אָט זענען די אַנטשפּרעכנדיקע ציפערן:

שווער-אינדוסטריעלע פּראָדוקציע

	1928/29 אין 1000 טאָן	1929/30 (* אין 1000 טאָן	פּראָצענטועלער צוּוואַקס
רוי-אייזן	4018	4988	24
וואַלץ-אייזן	3878	4439	14.5
שטאָל	4720	5551	17.6

דער פּראָצענטועלער וווּקס אין פאַרגלייך מיט דער פאַר-מלחמהדיקער פּראָדוקציע האָט אין יאָר 1929/30 באַטראָפן: אייזן 24.7, וואַלץ-אייזן 26.5, שטאָל 30.7.

די פּראָדוקציע פון דער באַרג-אינדוסטרי איז אויך געווען אַ צופרידנשטעלנדע, ווי מיר זעען דאָס פון די פאָלגנדיקע ציפערן:

	1928/29 אין 1000 טאָן	1929/30 (* אין 1000 טאָן	פּראָצענטועלער צוּוואַקס
אייזן-רודע	7418	10148	40
מאַנגאַן	1262	1561	23.8
קופּער	777	900	15.6

*) די ציפער פאַר דעם יאָר זענען נאָך נישט קיין ענדגילטיקע.

ווי גרויס דער דאָזיקער וווּקס איז נישט, איז דאָס אָבער אַלץ נאָך ווייט פון דער פאָרויסגעזעענער צאָל.

קוילן

פאַר דער מלחמה האָט רוסלאַנד פּראָדוצירט יערלעך 23 מיליאָן טאָן קוילן. אין יאָר 1927—28 איז די פּראָדוקציע שוין געשטיגן ביז 36 מיליאָן טאָן, און דער פינפיאָרפּלאַן זעט פאָרויס נישט ווייניקער ווי אַ פאַרדרייפאַכונג פון דער פאַרמלחמהדיקער פּראָדוקציע. אין יאָר 1928—29 איז פּראָדוצירט געוואָרן 40 מיליאָן טאָן קוילן; פאַרן יאָר 1929—30 האָט מען תחילת פאָרויסגעזעען 46 מיליאָן, שפּעטער אָבער איז די קוואָטע געהעכערט געוואָרן ביז 52 מיליאָן טאָן, און פאַרן דריטן יאָר איז די קוואָטע ווי־דער געהעכערט געוואָרן פון 52 אויף 75 מיליאָן טאָן. אַזוי אַרום וויל מען דעם פינפיאָרפּלאַן דערגרייכן שוין אין דריי יאָר.

פאַקטיש איז אין יאָר 1929—30 פּראָדוצירט געוואָרן נאָר די פריער פאָרויסגעזאָגטע קוואָטע פון 46 מיליאָן טאָן; די צוגאָב־קוואָטע איז געבליבן נישט אויסגעפילט. ס'איז דעריבער שווער צו גלויבן, אַז ס'זאָל געלונגען צו פאַרווירקלעכן דעם פינפיאָרפּלאַן אין דריי יאָר, הגם די אומגעהערטע אָנשטרענגונ־גען פון דער לעצטער צייט האָבן געגעבן גאָר גרויסע דער־פאָלגן. דער דאָנעצער באַסיין איז דערקלערט געוואָרן פאַר דער „געפאַרן־זאָנע" פונם קוילן־פראָנט, און מען מאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען וואָס שנעלער צו רעאָרגאַניזירן די פּראָדוקציע אין אָט דעם וויכטיקן ראַיאָן. צוערשט האָט מען פּרובירט צו מעכאַניזירן די קוילן־פּראָדוקציע, דערנאָך האָט מען גענומען אויסבעסערן די אַרבעט־באַדינגונגען און גלייכצייטיק האָט מען געפירט אַ שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדע פאַר ענדערן די אַרבעט־מע־טאָדן, פאַר העכערן די אַרבעט־פּראָדוקטיווקייט.

די בוי-אינדוסטרי

איינער פון די ווייט-גרייכנדיקסטע צילן פונם פינפיאָרפּלאַן איז זיין בוי-פּראָגראַם. צוזאַמען מיט די קאָסטן פון די פאַבריק-איינריכטונגען און אַרבעטער-וווינונגען, האָט די ראַטן רעגירונג שוין אַסיגנירט אויף ניי-בויונג אַ סומע פון 18,6 מיליאַרד רובל, גערעכנט לויט די פרייזן פון יאָר 1928. מען האָפט, אַז אין דער ווירקלעכקייט וועלן די אויסגאַבן אויף בוי-צוועקן זיין אַביסל קלענער. כדי צו באַנעמען די גרויסע באַדייטונג פון אָט דער סומע, איז גענוג צו זאָגן, אַז דער גרונט-קאַפּיטאַל פון אַלע אינדוסטרי-אונטערנעמונגען פון גאַנץ רוסלאַנד באַטרעפט נישט מער ווי 10 מיליאַרד רובל. 78 פּראָצענט פון דער סומע, וואָס איז באַשטימט אויף בוי-צוועקן, גייט אויף נייע אינוועסטיציעס פאַר דער שווער-אינדוסטרי, עלעקטרישע סטאַציעס, פאַבריקן פון שטאָל-אייזן, טראַקטאָרן, אויטאָמאָבילן, לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען, באַרג-אינדוסטרי, כעמישע אינדוסטרי א. אַ.; פאַר בוי-צוועקן און אינוועסטיציעס אין דער „לייכט-אינדוסטרי" זאָלן פאַרוועגדעט ווערן נאָר 22 פּראָצענט. לכתחילה האָט מען די בוי-פּראָגראַם אויסגערעכנט אויף 5 יאָר, דערנאָך האָט מען — אין דראַנג נאָך וואָס שנעלערע טעמפּן — פאַרקירצט די צייט ביז $3\frac{1}{2}$ יאָר. אַנטשפּרעכנד דערצו זענען געהעכערט געוואָרן די קאָסטן פון 2331 מיליאָן אויף 3960 מיליאָן רובל.

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דער פאַרשנעלערטער טעמפּ שעפּט צו שטאַרק אויס די כוחות און אין לעצטן יאָר האָט די פאַרגרעסערטע פּראָגראַם נישט געקאָנט אויסגעפירט ווערן, צום טייל מחמת מאַנגל פון קוואַליפיצירטע אַרבעטער, צום טייל מחמת מאַנגל אין בוי-מאַטעריאַלן. דאָס איז ווידעראַמאָל אַ באַוויז, אַז רוסלאַנד שאַצט איבער אירע כוחות. אמת, די פּראָדוקציע פון די פאַרשידנסטע בוי-מאַטעריאַלן, ווי צעמענט, האָלץ, ציגל, גלאָז א. אַ. איז געשטיגן אויף איבער 30 פּראָצענט. דאָס גענוגט נאָך אָבער אַלץ נישט, און די פאַרשידענע בוי-סינדיקאַטן האָבן געזוכט איינער דעם צווייטן אויסצוכאַפּן די בוי-

מאַטעריאַלן, און דאָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע אומצופרידנהייט ביי די באָלשעוויסטישע פירער און אין דער פרעסע. ס׳ווערן אָנגעגעבן פאַרשידענע מאָטיוון, פאַרוואָס די בוי-פּראָגראַם ווערט פאַרשלעפּט, צווישן אַנדערן אַזאַ אָריגינעלער מאָטיוו, אַז נאָר 51 פּראָצענט פון די אָנגעהויבענע בוי-אַרבעטן האָבן אַ פאַרטיקן און באַשטעטיקטן בוי-פּלאַן, אַלע איבעריקע בנינים ווערן געבויט בלויז לויט פאָרלויפיקע שקיצן.

נ אַ פ ט

נאַפט, עלעקטריפיצירונג און לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען — דאָס זענען די דריי אינדוסטרי-צווייגן, וואָס האָבן איבערגעשטיגן נישט נאָר די קוואָטע, וואָס איז געווען באַשטימט לויטן פּלאַן, נאָר אפילו די געהעכערטע קוואָטע. אין יאָר 1928—29 איז די פּראָדוקציע פון נאַפט געשטיגן אויף 14.4 פּראָצענט, אין צווייטן פּלאַן-יאָר אויף 26 פּראָצענט. אין ערשטן יאָר האָט די נאַפט-פּראָדוקציע באַטראָפן 13.547.000 טאָן, אין צווייטן יאָר 17.066.000 טאָן. פאָרויסגעזען איז געווען פאַרן צווייטן יאָר צו ערשט אַ פּראָדוקציע פון 14.000.000 טאָן, דערנאָך איז די קוואָטע פאַרגרעסערט געוואָרן ביז 16.000.000. פאַקטיש אָבער האָט מען, הייסט דאָס, איבערגעשטיגן אפילו די געהעכערטע קוואָטע אויף אַ גאַנצן מיליאָן טאָן. און פונקט אַזוי איז מיטן רעזולטאַט פון נייער ערד-בויערונג: אין יאָר 1928—29 האָט מען אויסגעבויערט 438.000 מעטער, אין יאָר 1929—30 שוין 551.000 מעטער.

עלעקטריפיצירונג

די ליבלינג-אינדוסטרי פונם פינפיאָרפּלאַן איז די עלעקטרישע אינדוסטרי, ווייל די באָלשעוויקעס האַלטן זיך ביי לענינס פאָרמולע: „עלעקטריפיצירונג פּלוס ראַטן — באַדייט סאָציאַליזם“. פון אַלע אינדוסטריעס האָט די עלעקטרישע געמאַכט פאַר די לעצטע

יאָרן דעם גרעסטן פּאָרשריט אין איר אַנטוויקלונג. און דאָך איז די פאַרהעלטניש צווישן באַדאַרף און פּראָדוקציע פון עלעקטרי-שער קראַפט נישט געוואָרן בעסער, ווי מיט 10 יאָר צוריק; אַ דערשיינונג, וואָס ווייזט, אין וואָס פּאַראַ מאָס רוסלאַנד איז שוין אינדוסטריאַליזירט געוואָרן. מען שטרעבט צו פּראָדוצירן, וואָס מער עלעקטרי, מען פאַרמערט די צאָל עלעקטרישע סטאַ-ציעס און מען גיט אויס ריזיקע סומען געלט דערויף.

אין יאָר 1928–29 האָט מען אויף עלעקטריפיקאַציע אויס-געגעבן 320 מיליאָן רובל, אין 1929–30 — 640 מיליאָן, און אויפן יאָר 1931 ווערט די סומע שוין געשאַצט אויף 1.180 מיליאָן רובל. ווען מען נעמט אין אַכט די ריזיקע עלעקטרישע סטאַציעס, וואָס ווערן געבויט, צום ביישפּיל, דעם „דניעפּרבוי", וואָס דאַרף פאַרטיק ווערן אין יאָר 1932 און וועט זיין די גרעסטע וואַסער-קראַפט-סטאַציע אין דער וועלט, דאַן דאַרפן די ריזיקע סומען גאָרנישט איבעראַשן.

אין ערשטן פּלאַן-יאָר האָט מען פּראָדוצירט 2.319.000 קי-לאָוואַט עלעקטרישע קראַפט, אין צווייטן יאָר 3.320.000. און מען פאַרזיכערט, אַז מען וואָלט שוין אין דער עלעקטריפיקאַציע געהאַלטן אַ סך ווייטער, ווען מען וואָלט נישט געווען אָנגעוויזן אויפן אימפּאָרט פון טורבינען און דינאַמאָ-מאַשינען פון אויס-לאַנד. און כּדי טאַקע צו פאַרשנעלערן דעם טעמפּ פון דער עלעקטריפיצירונג, זאָל אויף ווייטער געלייגט ווערן די גרעסטע אַכט אויף דער פּראָדוקציע פון מאַשינען און קודם-כּל פון די-נאַמאָ-מאַשינען.

עלעקטראָטעכניק

פּונקט ווי די עלעקטריפיצירונג, איז אויך די עלעקטראָ-טעכניק אַ גאַנץ נייער אינדוסטרי-צווייג אין רוסלאַנד. מען קאָן דעריבער גאָרנישט פאַרגלייכן דעם איצטיקן צושטאַנד — אויך דעם אָנהויב ערשט — מיט דעם וואָס איז געווען פאַר דער מלחמה, ווייל די לעצטע פּאָר יאָר איז ווייט אַריבערגעשטיגן געוואָרן

דער דעמאָלטיקער צושטאַנד. די עלעקטראָטעכנישע פּראָדוקציע האָט אין יאָר 1928—29 באַטראָפן 272 מיליאָן רובל, און אַ יאָר שפּעטער איז זי שוין געשטיגן ביז 503 מיליאָן ד. ה., אַז אין פאַרלויף פון איין יאָר איז די פּראָדוקציע כמעט ווי פאַרטאָפּלט געוואָרן. און אויפן קומענדיקן יאָר ריכט מען זיך ווידער אויף אַ פאַרטאָפּלטער פּראָדוקציע. די באָלשעוויקעס זענען זייער צופרידן מיט די טעכנישע פאָרשריטן, וואָס דאָס לאַנד מאַכט, זיי זענען צופרידן אויך מיט דער אַנטוויקלונג פון דער עלעקטראָטעכניק; אָבער שטאָלץ זענען זיי דערויף, וואָס רוסישע פאַבריקן קאָנען שוין היינט פּראָדוצירן מאַשינען, צום ביישפּיל טורבינען און דינאַמאָ-מאַשינען, וואָס ביז דאָ נישט לאַנג נאָך איז דאָס געווען אַן אומדערגרייכבאַרע זאַך.

אין פאַרגאַנגענעם יאָר איז אויסגעאַרבעט געוואָרן לאַנד-ווירטשאַפטלעכע מאַשינען מיט 54 פּראָצענט מער, ווי פאַר-יאָרן, און פינף מאָל אַזויפיל ווי פאַר דער מלחמה. און כאַראַק-טעריסטיש איז פאַרן פאַרמעסט פונם פינפיאָרפּלאַן, אַז אַ וווּקס פון דער פּראָדוקציע אויף 50 פּראָצענט בלייבט נאָך אַלץ היני-טערשטעליק לגבי די ד ערוואַרטונגען.

די לייכטע אינדוסטרי

גייען מיר איבער פון דער שווער-אינדוסטרי, וואָס פּראָ-דוצירט פּראָדוקציע-מיטלען, צו דער לייכט-אינדוסטרי, וואָס פּראָ-דוצירט געברויך-אַרטיקלען, טרעפן מיר דאָ שוין אַ פיל קלע-נערן וווּקס. אמת, די ראַטן-רעגירונג זאָרגט בכיוון ווייניקער פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער קאָנסום-מיטל-פּראָדוקציע; אָבער אַ חוץ דעם דערקלערט זיך נאָך דער דעפיציט אין אָט דער פּראָדוקציע מיטן מאַנגל פון רוי-שטאָפן. אָבער אַזוי צי אַזוי, דער פאַקט בלייבט — אַז דער רוב לייכט-אינדוסטריעס האָבן היי-יאָר געגעבן אפילו אַבסאָלוט אויך אַ קלענערן סכום פּראָ-דוקציע, ווי פאַריאָרן. אַזוי, למשל, איז די פּראָדוקציע פון בוימוואָל-סחורות קלענער היי-יאָר, אין פאַרגלייך מיטן יאָר 1928—29

אויף גאַנצע 16,7 פּראָצ.: אָנשטאָט 2.826.000 מעטער איז אויס־געאַרבעט געוואָרן נאָר 2.353.000 מעטער. אַביסל בעסער איז מיט דער פּראָדוקציע פון וואָלענע און לייוונטענע סחורות. אָבער אויך דאָ איז דער צוואַקס גאָר אַ קליינער. אין יאָר 1928—29 זענען פּראָדוצירט געוואָרן 115.000.000 מעטער וואָל־שטאָפן, אין יאָר 1929—30 — 124.000.000 מיליאָן, אַ צוואַקס פון עפּעס מער ווי 8 פּראָצענט. לייוונט איז פּראָדוצירט געוואָרן אין יאָר 1928—29 182.000.000 מעטער, אין יאָר 1929—30 — 205.000.000, אַ צוואַקס פון נישט מער ווי 12 פּראָצענט.

אַ גוואַלדיקן ווּקס האָט צו פאַרצייכנען די לעדער־אינ־דוסטרי. ביי אייניקע לעדער־אויסאַרבעטונגען איז די פּראָדוקציע געשטיגן אויף 27 פּראָצענט. קודם־כל ווערן פאַבריצירט פיל מער שיך און שטיוול: אין יאָר 1928 — 38 מיליאָן פּאָר, אין 1929 — 63 מיליאָן פּאָר. די פּראָדוקציע איז, אַלזאָ, געשטיגן אויף 60 פּראָצענט, אָבער די קוואַליטעט פון די שיך איז געוואָרן פיל ערגער.

....

דריטער טייל

די אַגראַר־רעוואָלוציע

I. דער קריזיס

הײנטיקס יאָר איז נישט װײניקער װי 40 מיליאָן העקטאַר ערד, אָדער כמעט אַ דריטל פון דעם גאַנצן באַאַרבעטן באָדן, פאַרװאַנדלט געװאָרן אין ראַטװירטן און קאָלװירטן*), ד. ה. איבערגעפירט געװאָרן אויף סאָציאַליסטישע רעלסן, און דער דאָזיקער סאָציאַליזירטער סעקטאָר פון דער לאַנדװירטשאַפט האָט שוין געליפערט כמעט אַ העלפט פון דער גאַנצער תבואה, װאָס קומט אויפן מאַרק אַרויס. 12 מיליאָן העקטאַר ערד (פון די 40 מיליאָן) זענען געװאָרן באַאַרבעט דורך טראַקטאָרן און אַנדערע מאַשינען און מעכאַנישע אַרבעט־מכשירים. די דאָזיקע צװײ דערשײנונגען האָבן פאַר דער לאַנדװירטשאַפט אַ קאָלאָסאַלע באַדײטונג, זײ באַדײטן דעם אָנהויב פון אַ טעכנישער און סאָציאַלער רעװאָלוציע. און צוליב דעם מוז מען אָט די פאַקטן גענוי שטודירן.

כדי צו פאַרשטײן די סיבות און דעם כאַראַקטער פון דער טענדענץ צו מעכאַניזירן און סאָציאַליזירן די לאַנדװירטשאַפט אין אַזאַ מאַסשטאַב, מוז מען זיך באַקענען כאָטש נאָר מיט די װיכטיקסטע פאַזן פון דעם ערד־קריזיס אין רוסלאַנד זינט נאָך דער רעװאָלוציע.

*) ראַטן־װירטשאַפטן (סאָװכאָזן) און קאָלעקטיװע װירטשאַפטן (קאָלכאָזן)

אַז אין רוסלאַנד איז פאַראַן אַן ערד-קריזיס, דאָס האָט יעדערער געוווּסט. האָט מען דאָך געזען, אַז דאָס לאַנד, וואָס האָט פריער יעדעס יאָר אַרויסגעפירט 10 מיליאָן טאָן תבואה, האָט איצט נישט געקאָנט מער אפילו זיך אַליין דערנערן און האָט יאָרן נאָכאַנאַנד געליטן הונגער. דאָס האָט אַלעמען פאַרוווּנדערט, אָבער קיינער האָט נישט געגוי פאַרשטאַנען די סיבות פון דער דערשיינונג. און מען קאָן נישט פאַרשטיין די סיבות פון דער איצטיקער רעוואָלוציע און אירע מעגלעכע פאָלגן, וויבאַלד מען פאַרשטייט נישט, פאַרוואָס איז אַזוי געפאַלן די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע.

קודם כל מוזן מיר אָט וואָס פעסטשטעלן: דער אַלגעמיינער ניוואָ פון דער פּראָדוקציע און אַ פאַרגלייך צווישן דעם שטח באַאַרבעטן באָדן און צווישן די גערעטעניש פון פאַר און נאָך דער מלחמה — קלערן לחלוטין נישט אויף דעם אַגראַר-קריזיס. מ׳מוז, אַלזאָ, די סיבות זוכן ערגיץ-אַנדערש-ווו. מען קאָן רעכנען פאַר פעסטגעשטעלט, אַז די מלחמה איז נישט שולדיק אינם מאַנגל פון לעבנסמיטלען, ווייל אַלע שאָדנס פון דער מלחמה זענען כמעט שוין צוריק אויפגעשטעלט. פאַרגלייכן מיר דעם שטח באַאַרבעטן באָדן און די גערעטעניש פון איצט מיטן יאָר 1913 קומט אויס: שטח ערד אין 1913 — 100; אין 1928 — 94; אין 1929 — 98.2; גערעטעניש אין יאָר 1913 — 100; אין 1928 — 90; אין 1929 — 94,4. די דאָזיקע ציפערן ווייזן, אַז די לאַנדווירטשאַפט האָט זיך גאַנץ פּאַמעלעך צוריק אויפגעשטעלט און אַז 11 יאָר נאָך דער רעוואָלוציע איז די לאַנדווירטשאַפט נאָך אַלץ אויף אַ 10 פּראָצענט הינטערשטעליק לגבי דער פאַרמלחמהדיקער צייט. ביי נאָרמאַלע באַדינגונגען וואָלט אַזאַ פאַרקלענערונג פון 10 פּראָצענט נישט געווען קיין סכנה פאַרן לאַנד, ווייל דער צושטאַנד פון יאָר 1913 האָט דאָך דערלויבט נאָך אַרויסצופירן 12—15 פּראָצענט תבואה.

אָבער אין דער אמתן איז אין רוסלאַנד קיינמאָל נישט געווען קיין איבערפלוס פון תבואה. רוסלאַנד איז אָנגעגאַנגען אַלס תבואה-שפּייכלער פון אייראָפּע נישט אַזוי צוליב דער

פּאַקטישער פּראָדוקציע, ווי צוליב דער מעגלעכער, דער פּאָטענציעלער. ווען מען זאָל באַרעכנען די פּראָדוקציע פּראָ קאָפּ פון דער באַפעלקערונג, דאַן האָט רוסלאַנד קיינמאָל נישט געהערט צו די „גרויס-פּראָדוצענטן". אין קאַנאַדע איז אויסגעפאַלן דורכשניטלעך פינף מאָל מער תבואה אויף אַ קאָפּ באַפעלקערונג, ווי אין רוסלאַנד; אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע און אין אַרגענטינע $2\frac{1}{2}$ מאָל מער. אָבער אומאָפּהענגיק דערפון צי דער עקספּאָרט פון פאַר דער מלחמה האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ פאַקטישן אָדער אַ פיקטיוון איבערפלוס פון תבואה — די גערעטעניש פון יאָר 1928—9 וואָלט אָן אָט דעם עקספּאָרט אומבאַדינגט באַדאַרפט קלעקן פאַר די באַדערפנישן פון דער באַפעלקערונג.

מיר מוזן, נאַטירלעך, נעמען אין אַכט דעם וווּקס פון דער באַפעלקערונג און דעם אויסגעוואַקסענעם געברויך פון די פּויערים. וואָס איז שייך דעם באַפעלקערונג-וווּקס, איז אויף דעם געביט פאָרגעקומען גרויסע וואַקלונגען. די וועלט-מלחמה, בירגער-קריג, הונגער, עפּידעמיעס און שלעכטע סאַניטאַר-היגיענישע פאַרזאָרגונג האָבן מיליאָנען מענטשן אַריבערגעפּעקלט אויף יענער וועלט. ביסלעכווייז, ביסלעכווייז, האָט דער נאַטירלעכער צוואַקס אויסגעפילט די דאָזיקע שאָדנס; אין יאָר 1925 האָט די באַפעלקערונג דערגרייכט די צאָל פון פאַר דער מלחמה; אין יאָר 1928 איז די צאָל שוין איבערגעשטיגן געוואָרן מיט 10 פּראָצ. וואָס איז שייך ווידער דעם געהעכערטן קאָנסום, שטעלט זיך די זאַך אַזוי פאָר: דער פּויער דערנערט זיך טאַקע בעסער ווי פאַר דער מלחמה, אָבער די בעסערקייט באַשטייט נישט דערין, וואָס ער עסט מער ברויט, נאָר ער עסט מער פלייש, אייער, עופות. רוסלאַנד האָט, אַלזאָ, אין יאָר 1928 באַדאַרפט אומבאַדינגט אויסקומען מיט איר תבואה, און דאָך האָט מען געמוזט אַריינפירן תבואה פון אַרגענטינע.

קיין ווירקלעכער איבערפלוס איז נישט פאַראַן

דערפון איז געדרונגען, אַז דער קוואַנטום אַליין פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע דערקלערט נאָך נישט די סיטואַציע. די גרויס פון דעם סכום תבואה, וואָס ווערט אַרויסגעפירט אויפן מאַרק, איז נישט אָפּהענגיק פון דער גרויס פון דעם באַאַרבעטן באָדן און נישט פון דעם גראַד גערעטעניש, נאָר פון דעם, וויפל תבואה עס ווערט ספּעציעל פּראָדוצירט פאַרן מאַרק. פאַר דער מלחמה האָבן דעם אינערלעכן און אויסערלעכן מאַרק פאַרזאָרגט מיט תבואה די ערד-באַזיצער און די רייכע פּויערים. מען שאַצט, אַז די תבואה-פּראָדוקציע פון די ערד-באַזיצער, פון די רייכע פּויערים און פון דער מאַסע קליינע פּויערים האָט אין די 5 יאָר 1908—13 באַטראָפן 5 מיליאַרד פּוד. דערפון האָבן די ערד-באַזיצער פּראָדוצירט 600 מיליאָן פּוד, פון וועלכע זיי האָבן כמעט אַ העלפט (47 פּראָצענט) געליפערט פאַרן מאַרק. זייער אַנטייל אין דער ברוטאָ פּראָדוקציע האָט באַטראָפן נישט מער ווי 12 פּראָצענט, און אין דער מאַרק-פּראָדוקציע — 21 פּראָצענט. די רייכע פּויערים (איצט הייסן זיי קולאַקן און זענען אַ מין אויסשטאַרבנדיקע ראַסע) האָבן פּראָדוצירט 1.9 מיליאַרד פּוד תבואה, פאַרן מאַרק האָבן זיי געליפערט איין דריטל (34 פּראָצ.) אַלזאָ זייער אַנטייל אין דער ברוטאָ-פּראָדוקציע האָט אויסגעמאַכט 38 פּראָצ., אין דער מאַרק-פּראָדוקציע — 50 פּראָצענט. די מיטעלע און קליינע פּויערים, (איצט רופט מען זיי אין רוסלאַנד „סערעדניאַק”, און „בעדניאַק)”, האָבן פּראָדוצירט סך-הכל 2.5 מיליאַרד פּוד תבואה, אָבער קוים 14.7 פּראָצענט דערפון איז אַוועק אויפן מאַרק. זיי האָבן געליפערט 50 פּראָצ. פון דער אַלגעמיינער תבואה-פּראָדוקציע, אָבער נאָר 28,7 פּראָצ. פון דער מאַרק-פּראָדוקציע.

אַלזאָ, וואָס קלענער עס איז די ערד-נחלה, אַלץ גרעסער איז דער פּראָצענט תבואה, וואָס מען לאָזט פאַרן אייגענעם געברויך. איצט איז קלאָר, אַז ווען מען האָט ביי די גרויסע ערד-באַזיצער און ביי די קולאַקן צוגענומען די נחלות און זיי צע-

טיילט צווישן מיליאָנען קליינע פּויערים, איז די פּראָדוקציע פאַרן מאַרק איינגאַנצן אָפּגעשטעלט געוואָרן. דעם קאָנסומענט איז נישט אָנגעבּאָטן געוואָרן מער קיין תּבואה, ער האָט געמוזט זיך אַוועקלאָזן זוכן די דאָזיקע תּבואה. די אַלגעמיינע ירידה פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע נאָך דער רעוואָלוציע האָט נאָר פאַרשאַרפט דעם קריזיס, וועלכער וואָלט סיי ווי סיי געמוזט אויסברעכן. ס'איז אַנטשטאַנען אַן אַנאַרכישער צושטאַנד: די קאָנסומענטן און זייערע אַגענטן, די „זעקלער"*), האָבן געמוזט פירן אַ האַרטנעקיקן קאַמף פאַר באַקומען דאָס ביסעלע תּבואה, וואָס מ'האָט נאָך געקאָנט געפינען; זיי האָבן געטוישט אויף תּבואה די פאַרשידנסטע סחורות — אָנהייבנדיק פון גראַמאָפאָנען ביז קאַוואַלעריע־שווערדן. ביי אַזאַ לאַגע האָט די מלוכה זיך געמוזט אַריינמישן, און מען האָט אָנגעהויבן אַדורכפירן סיסטעמאַטישע רעקוויזיציעס פון תּבואה. אונטער דעם דרוק פון דער מלוכה האָט דער פּויער געמוזט צושטעלן אַ טייל פון זיין תּבואה, אָבער ברויט האָט נאָך אַלץ געפעלט, ווייל — ווי די פּויערים האָבן עקשנותדיק געטענהט — ס'איז פאַקטיש טאַקע נישט געווען קיין איבערפלוס פון תּבואה.

איך האָב שוין פריער דערמאָנט, אַז די קליינע פּויערים פלעגן פאַר דער מלחמה ברענגען אויפן מאַרק קנים 14 פּראָצ. פון זייער פּראָדוקציע. ווען אָבער די צאָל קליינע פּויערים איז אויסגעוואַקסן פון 16 אויף 26 מיליאָן, און דער ערד־באַזיץ פון יעדן איינעם איז נאָך קלענער געוואָרן, ווי פריער, — איז די מ אַ ר ק ־ פּ ר אָ ד ו ק צ י ע גאָר איינגאַנצן געפאַלן, ביז נול. די 10 מיליאָן ניי־געשאַפענע קליינע פּויערים פאַר די יאָרן 1917—28 און דאָס פאַרקלענערן זיך פון זייער ערד־באַזיץ — דאָס איז — לויט מיין מיינונג — די וויכטיקסטע דיפערשיינונג פון די נאָך־מלחמהדיקע יאָרן און דער איינציקער שאַנס אויף צו פאַרשטיין די היינטיקע גילגולים פון דער לאַנדווירטשאַפט.

---

*) אזוי האָט מען גערופן די, וואָס האָבן אין יענע יאָרן געפירט דעם קליין־האַנדל צווישן שטאָט און דאָרף (פון שורש — זאַק, זאַק־האַנדל. איבערז.)

דער קריזיס פון 1928

ווי איך האָב שוין פריער דערמאָנט, איז דאָס יאָר 1928 געווען אַן איבערברוך-יאָר. אין אַלגעמיין האָט שוין די לאַנד-ווירטשאַפט דערגרייכט די מדרגה פון פאַר דער מלחמה און דער אַפּאַראַט אויף אויפצוזאַמלען דעם איבערפלוס איז שוין אויך געווען אַזוי פאַרפולקאָמט, אַז די מלוכה האָט געקאָנט אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן — דורך אַ ווירטשאַפטלעכן, אַד-מיניסטראַטיוון, אָדער פינאַנסיעלן דרוק — אַרויסציען פון די דערפער יעדן איבעריקן פוד תבואה. און דאָך איז אויפן מאַרק נעקומען תבואה קוים אַ העלפט דערפון, וואָס פריער. און דאָס ערגסטע דערביי איז געווען נאָך דאָס, אַז אַ פערט חלק מאַרק-תבואה האָט שוין געשטאַמט פון אַ נייעם קלאַס רייכע פויערים, וואָס האָבן געהאַט אין פאַכט פרעמדע ערד און האָבן זיך באַנוצט מיט געדונגענער אַרבעטס-קראַפט. ס׳איז געוואָרן קלאָר, אַז דאָס פּראָדוצירן פאַרן מאַרק וועט מיט דער צייט ווערן דער מאָנאָפּאָל פון דעם דאָזיקן קלאַס, ווייל די 26 מיליאָן קליינע פויערים דעקן בלויז זייער אייגענעם געברויך. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אָנרופן אַן ערנסטער קריזיס. דאַן זענען די 4–2 העקטאַרדיקע ווירטשאַפטן פון די קליינע פויערים דערקלערט געוואָרן אַלס אַ סאָציאַלער און עקאָנאָמישער אַנאַכראָניזם, און זיי האָבן געמוזט אָפּטרעטן זייער אָרט פאַר דער אָדער אַנדערער פאָרם גרויס-פּראָדוקציע.

איצט איז די ראַטן-מאַכט געשטאַנען פאַר אַזאַ דילעמע: אָדער שטיצן די סאָציאַלע דיפערענצירונג אין דאָרף — אַ פּראָדוקט פון דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק — און שלום-מאַכן מיטן פאַקט, אַז די רייכע פויערים ווערן אַלץ פעטער, אָדער נעמען זיך אָרגאַניזירן די קליינע פויערים אין לאַנדווירטשאַפט-לעכע קאָאָפּעראַטיוון. אָבער נאָר טעאָרעטיש קומט אויס, אַז די באָלשעוויקעס זענען געשטאַנען פאַר אַ פרייען אויסוואַל. וויבאַלד זיי האָבן אָנערקענט (לויט לענינס ווערטער), אַז דער פּריוואַטער ערד-באַזיץ „שאַפט טאָג נאָך טאָג, שעה נאָך שעה: דעם קאַפּי-

ליזם", האָבן זיי געמוזט שטרעבן צו מעכאַניזירן און קאָלעקטי־
וויזירן די לאַנדווירטשאַפט און וואָס שנעלער צו „ליקווידירן"
די קולאַקן.

אַלזאָ, די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט זיך אַנטשלאָסן אָנ־
צוּנעמען זייער ענערגישע מיטלען אויף צו דערגרייכן די קאָ־
לעקטיוויזירונג און מעכאַניזירונג, ווייל דאָס האָט געקאָנט זיין
אין זייערע הענט דאָס איינציקע ווירקזאַמע געווער קעגן די
קולאַקן. אָבער אַזוי ווי די קולאַקן זענען צו יענער צייט געווען
די וויכטיקסטע תבואה־פּראָדוצענטן, האָט מען געמוזט פריער
שאַפן אַן „ערזאַץ", איידער מען טראָגט אַרויס איבער זיי דעם
טויט־אורטייל. אַלס מוסטער פאַר די נייע עקספּערימענטן האָבן
געדינט די גרויסע פערמעס אין אַמעריקע און קאַנאַדע. מ'האָט
טאַקע אַראָפּגעבראַכט אַמעריקאַנער אַגראָנאָמען און זאַכקענער;
אַלס פּלאַץ פאַר די עקספּערימענטן האָט מען אויסגעקליבן די
גרויסע אומבאַאַרבעטע נאָך געביטן אין דרום־מזרח פון רוסלאַנד,
ווו די קלימאַטישע און באָדן־באַדינגונגען זענען ענלעך צו די
באַדינגונגען אויף די ווייצן־פעלדער פון אַמעריקע. דער דאָזיקער
פּלאַן איז פאַרטראַכט געוואָרן נאָר אַלס איבערגאַנג־שטופע; דער
ציל איז געווען צו קאָלעקטיוויזירן אַלע פּויערישע נחלות און
אַזוי אַרום דערגרייכן צוויי וויכטיקע אויפגאַבן: אָפּשאַפן דעם
אינדיווידועלן אופן פון באַאַרבעטן די ערד און פּראָדוצירן גרוי־
סע סכומען תבואה פאַר דעם מאַרק. מען אָרגאַניזירט גרויסע
און הויך־מעכאַניזירטע מלוכהשע ווירטשאַפטן (ראַטווירטן), און
מען פאַרוועגדט אַן אַ שיר געלט און ענערגיע אויף צו שאַפן
לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַטיוון (קאָלווירטן, קאָלכאָזן). דאָס
זענען איצט די צוויי הויפּט־ריכטונגען, אין וועלכע עס גייט
דער לאַנדווירטשאַפטלעכער עקספּערימענט.

II. די מלוכהשע ווירטשאַפטן

מיטן וואָרט „סאָווכאָז" (סאָוויעטסקאָיע כאָזיאַיסטוואָ — סאָ־
וויעטישע ווירטשאַפט) באַצייכנט מען אַפילו אויך אַנדערע גרויסע

מלוכה אונטערנעמונגען, ווי פלאַנטאַציעס פון צוקער-בוראַקעס, פון פלאַקס, פון בוימוואָל, אָבער הויפּטזעכלעך מיינט מען דער-מיט די ריזיקע „ווייצנפאַבריקן”, וועלכע ווערן געפירט דורך דעם „זערנאָטרעסט” (תבואה-טרעסט). דאָס איז אַן אָרגאַניזאַציע געגרינדעט דורך דער מלוכה און דורך איר פינאַנסירט, אָבער זי פירט איר אַרבעט אַלס אַ האַנדלס-אונטערנעמונג אויף ריין-קאָמער-ציעלע יסודות. דער ערשטער פּרינציפּ פון טרעסט איז געווען, אַז די סאָווכאָזן מוזן אייגעאָרדנט ווערן נאָר אויף נייער, ביז אַהער נישט באַאַרבעטער ערד.

ס׳איז דעריבער אַנטשטאַנען אַ פראַגע, צי איז איבער-הויפּט פאַראַן אַזאַ נאָך נישט באַאַרבעטע ערד, און אויב יאָ, צי טויג זי, אַט די ערד, אויף צו באַאַרבעטן. בעת דער הער-שאַפט פון צאַר האָבן די באַאַמטע פון אינערן-מיניסטעריום בסדר פאַרזיכערט, אַז ס׳איז נישט פאַראַן קיין פרייע ערד, אפילו פאַר דער באַשיידנסטער קאָלאָניזאַציע. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז דאָס געווען נאָר אַ צייכן פון דער אומגע-הייערער עם-הארצות פון די באַאַמטע. דער תבואה-טרעסט האָט באַקומען צוגעטיילט אַ שטח ערד פון 12 מיליאָן העקטאַר, דער-פון נישט ווייניקער ווי 8 מיליאָן אין אייראָפּעישן טייל פון רוסלאַנד, און דריי פערטל פון אַט דעם גאַנצן שטח זע-נען געווען אָדער בתולה-באָדן (נאָך קיינמאָל נישט באַאַרבעטע ערד), אָדער וואָס איז שוין אַ צייט לאַנג נישט געוואָרן באַ-אַרבעט. פראָפעסאָר טשאַיאַנאָוו, איינער פון די באַרימטסטע רו-סישע אַגראָנאָמען, האַלט עס פאַר פשוט אומבאַגרייפלעך, ווי אַזוי מען האָט פאַר דער מלחמה געקאָנט גאָר מיינען, אַז אין רוסלאַנד איז מער נישט פאַראַן קיין שום פרייער באָדן.

„ווען מען דערמאָנט זיך — זאָגט דער פראָפעסאָר — ווי לייכט מען האָט געפונען די דאָזיקע אומגעהייערע שטרעקעס ערד, אַפילו אין אַזאַ איבערבאַפעלקערטער געגנט, ווי דער שוואַרץ-ערדישער ראַיאָן, דעמאָלט קאָן מען נאָר שטוינען, ווי ווייניק מיר האָבן פריער געוווסט וועגן די נאַטור-אוצרות פון אונזער לאַנד”. די העלפט פון דעם דאָזיקן שטח

באשטייט פון בתולה-ערד, וואס איז נאך קיינמאל נישט געווארן באארבעט, איין פערטל איז ערד, וואס געפינט זיך שוין א רייע יארן אין רו-צושטאנד; איין אכטל בלויז איז ערד באארבעטע, וועלכע מען האט צוגענומען, כדי צו פארקיילעכיקן דעם גע-געבענעם ערד-שטח; די רעשט באשטייט פון פאשע-פעלדער און וויסטעניש.

איך מוז דערביי באמערקן, אז ביז-איצט איז באארבעט געווארן נאר א קלענער טייל פון דער ערד, וואס איז צוגע-טיילט געווארן דעם תבואה-טרעסט. היינטיקס יאר איז 1.200.000 העקטאר באארבעט געווארן, אין קומענדיקן יאר זאלן אויפגע-אקערט ווערן $4^1/_2$ מיליאן העקטאר און ביז ענדע 1932 זאל שוין דער גאנצער ערד-שטח זיין קולטיווירט.

די ערד, וואס איז איבערגעגעבן געווארן דעם תבואה-טרעסט, געפינט זיך אין די פאלגנדיקע פראווינצן: אין צפון-קאיוקאז, אין די דרומדיקע סטעפן פון אוקראינע, אין מיטעלן און אונטערשטן וואלגא-געביט, אין דרום-מערב פון סיביר, אין די רעפובליקן אוראלסק און באשקיריע. דער „ווייצנגעביט" וועט זיך, אלזא, ציען ביז קאזאקסטאן, צווישן די שטעט אוראלסק און סעמיפאלאטינסק. אין קלימאטישער הינזיכט געהערן די דא-זיקע געביטן גרעסטנטייל צו דער האלב-טרוקענער סטרעפע, מיט א רעגנהויך פון 350—400 מילימעטער; דאקעגן די אוק-ראינישע סטעפעס און צפון-קאווקאז געהערן צו דער טרוקענער סטרעפע, מיט א רעגנהויך פון 300—350 מילימעטער. די געביטן אין צפון-קאווקאז, אין אוקראינע און אין קאזאקסטאן ליידן, אלזא, נישט נאר פון א מאנגל אין רעגנס, נאר אויך פון דעם „סוכאוועי" ד. ה. פון א טרוקענעם הייסן ווינט, וואס טראגט אראפ כסדר דעם אויבערשטן שיכט פון דער ערד. דער באדן גופא איז אבער אין אלגעמיין א גאנץ גוטער. דאס איז א טי-פישער ווייצנגעביט און באשטייט פון „טשארנאזעם" (שווארצע ערד). בלויז ערטערווייז איז די ערד פון א העלערן אדער טונק-לערן „קאשטאן-ברוין" קאליר.

די קלימאטישע באדינגונגען פארענטפערן שוין די פראגע.

פֿאַרוואָס דער געביט איז ביז-איצט נישט געווען באַפֿעלקערט און איז געווען נישט-באַאַרבעט. בלויז מיט פֿערד-קראַפֿט און מיט די פּרימיטיווע מכשירים פֿון אַן געוויינלעכן קאָלאָניסט וואָלט מען נישט געקאָנט אויפֿהויבן די דאָזיקע ערד. ערשט אַ דאַנק דער מאָדערנער טעכניק איז מעגלעך געוואָרן טיף און ראַציאָנעל צעאַקערן דעם באָדן, צו האָבן סאָרטירטע גוטע זריעה און — דער עיקר — ס'איז מעגלעך געוואָרן שנעל אַקערן, זייען און שניידן און אַזוי אַרום אויסהיטן זיך פֿון די שאָדנס, וואָס עס מאַכן אָן די ווינטן. מען האָט זיך אין דער געגנט אָפּגעזאָגט פֿון פֿירן אַ קאַמף מיט די קלימאַטישע באַדינגונגען. מען האַלט זיך ביי דעם אַמעריקאַנישן מעטאָד: אין פֿרילינג זייעט מען ווייץ, און מען אַקערט איבער דעם באָדן אין האַרבסט, כדי ער זאָל אָנזאַמלען פֿייפֿקייט. ס'זעט אויס, אַז די פֿאַכמענער פֿון תבואה-טרעסט האָבן שלום-געמאַכט מיטן געדאַנק וועגן דער מעגלעכקייט אָדער וואַרשיינלעכקייט פֿון פּעריאָדישע נישט-גערעטענישן; זיי ווילן בלויז דורך זייערע וויסנשאַפֿטלעכע מעטאָדן און דורך הונדערט פּראָצענטיקער מעכאַניזירונג פֿון אַלע אַרבעט-פּראָצעסן זיך דערשלאָגן, אַז די נישט-גערעטענישן זאָלן געשען וואָס זעלטענער, לערך נישט אָפֿטער ווי אַלע 5 אָדער אַלע 7 יאָר.

אויף צו באַרעכטיקן דעם דאָזיקן מעטאָד, ברענגען די אַגראָנאָמען אַן אַרגומענט — דעם איינציק-וויסנשאַפֿטלעכן, ווי זיי זאָגן — וועלכער באַשטייט אָט אין וואָס: זיי טענהן, אַז ס'איז נישט מעגלעך, אַז אַ נישט-גערעטעניש זאָל אין איין יאָר אַרומכאַפּן דעם גאַנצן ריזיקן שטח, וואָס ציט זיך פֿון שוואַרצן ים אַזש ביז סיביר. אַ נישט-גערעטעניש אין איין געגנט קאָן ווערן קאָמפּענסירט דורך אַ גוטער גערעטעניש אין אַ צווייטער געגנט, און חוץ דעם מוז די עקסטענסיווע קולטור פֿון ווייץ אויף אַזאַ ריזיקן שטח ערד דעקן מיט אַן עודף יעדן שאָדן. נאַטירלעך, אַז אַזאַ עקספּערימענט איז מעגלעך נאָר אויף אַזאַ אָרט, ווו די באַפֿעלקערונג איז נישט אָנגעוויזן אויף דער גערעטעניש פֿון געגעבענעם באָדן. אַ נישט-גערעטעניש קאָן דאָ באַדייטן נאָר אַ

פאַרלוסט פון אַרבעט און זריעה, קיינמאָל אָבער נישט קיין הונ־גער־נויט.

די סאָווכאָזן פאַרנעמען געוויינלעך אַ שטח פון 30.000 ביז 60.000 העקטאַר, ס׳זענען אָבער פאַראַן אויך פון 100.000 העקטאַר, און איין ווירטשאַפט, דער אַ. ג. „גיגאַנט", פון 220.000 העקטאַר. ביז איצט איז נאָך נישט פעסטגעשטעלט ענדגילטיק, ווי גרויס ס׳דאַרף זיין אַ מלוכהשע ווירטשאַפט (סאָווכאָז), די טענדענץ גייט אין דער ריכטונג איינצושטעלן וואָס גרעסערע ווירטשאַפטן, ווייל וואָס גרעסער ס׳איז אַזאַ ווירטשאַפט, וואָס מער מאַשינען און טראַקטאָרן ס׳ווערט באַנוצט, אַלץ ביליקער איז אויסצוהאַלטן וואַרשטאַטן, מאַגאַזינען, גאַראַזשן, אַלץ בילי־קער קאָסט די באַהייצונג און דאָס אויסהאַלטן דעם טעכנישן פערסאָנאַל. דער לעצטער באַשטייט אין 90 פּראָצענט פון אינ־זשיניערן, בלויז 10 פּראָצ. זענען לאַנד־אַרבעטער. די איינציקע גרענעץ פאַר דער אויסברייטערונג פון אַזאַ ווירטשאַפט איז נאָר די פעלנדיקע טראַנספּאָרט־פאַרבינדונג.

ס׳איז שווער פעסטצושטעלן די פינאַנסיעלע יסודות פון דעם תבואה־טרעסט, מיר פאַרמאָגן נאָר די ציפערן, וואָס עס גיבן אָן די אָפיציעלע אַמטן און די קאָמוניסטישע פּרעסע. ביז איצט האָט געקאָסט באַאַרבעטן אַ העקטאַר באָדן 70 רובל, שוין אַריינגערעכנט די אויסגאַבן אויף מאַשינען, וווינונגען און שאָסעען. פאַר די רוסישע פאַרהעלטנישן איז אַזאַ אינוועסטיציע זייער טייער. און דאָך וויל די רעגירונג אין יאָר 1931 אַריינלייגן 620 מיליאָן רובל, אָנשטאָט 234 מיליאָן פאָריקן יאָר, כדי נאָך מער צו פאַרגרעסערן און אינטענסיפיצירן די ווירטשאַפטן.

די ראַטן־רעגירונג האַלט די דערפאָלגן פון די ערשטע צוויי יאָר פאַר זייער צופרידנשטעלנדע. הייגטיקן זומער האָבן די „סאָוכאָזן"*) אַראָפּגענומען 40 מיליאָן פוד תבואה, אָדער מער ווי 650.000 טאָן, אַחוץ דער תבואה, וואָס די 110.000 לאַנד־

*) ראַטן־דרטן, מלוכהשע ווירטשאַפטן.

אַרבעטער אין די סאָווכאָזן האָבן פאַרבראַכט און אַ חוץ דער תבואה, וואָס איז פאַרנוצט געוואָרן אַלס זריעה. דאָס באַדייט אין דורכשניט 9,3 צענטנער אָדער 66 פּוד פון אַ העקטאַר, מיט 16 פּוד מער, ווי ס׳איז געוויינלעך דער דורכשניט אין רוס־לאַנד. די פּראָדוציר־קאָסטן האָבן אין יאָר 1929 אויסגעמאַכט 5 רובל פון אַ צענטנער.

דאָס לעבן אין די סאָווכאָזן

לכתחילה זענען די סאָווכאָזן פאַרטראַכט געוואָרן בלויז אַלס באַשיידענער עקספּערימענט אויף צו פאַרזאָרגן די ראַטן־רעגירונג מיט אַ געוויסן סכום תבואה, וואָס זאָל מעגלעך מאַכן צו נעמען זיך צו דעם פיל גרעסערן עקספּערימענט, צו דער אָרגאַניזירונג פון „קאָלכאָזן״ *). באַלד האָט אָבער די רעגירונג איינגעזען, אַז די סאָווכאָזן האָבן פיל גרעסערע מעגלעכקייטן פון אַנטוויקלונג, ווי מען האָט גערעכנט. איצט האַלט מען די סאָווכאָזן פאַר פּונקט אַזוי וויכטיק פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער רוסישער לאַנדווירטשאַפט, ווי די קאָלכאָז־באַוועגונג. דעם לעצטן זומער האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו באַקענען זיך נאָענט מיט די סאָווכאָזן. איך האָב באַזוכט צוויי סאָווכאָזן, דעם „גיגאַנט״ און נאָך איינעם, וואָס טראָגט דעם באַשיידענעם נאָמען „סאָווכאָז נומער 2״. דער לעצטער איז אַ קאָמבינאַציע פון אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער הויך־שול און אַ פּראַקטיק, אין דער נאָענט פון ראָסטאָוו ביים דאָן, אין צפון־קאַווקאַז. דער דאָזיקער סאָווכאָז האָט זיך געשטעלט פאַר זיין הויפּט־אויפגאַבע אויסצובילדן ספּעציאַליסטן פאַר דער לאַנדווירטשאַפט. די הויך־שול ציילט 525 סטודענטן און אַ לערער־פּערסאָנאַל פון 70 פּערזאָן; ער הייסט „טעכניקום פאַר סאָציאַליסטישער לאַנדווירטשאַפט״. נאָך אין פרילינג 1929 איז אויפן אָרט פון דער דאָזיקער ווירטשאַפט, וואָס פאַרנעמט אַ שטח פון 115.000 העקטאַר, געווען אַ וויסטער

*) קאָלווירטן, קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן.

סטעפּ. דעם לעצטן פרילינג האָט מען צעאַקערט 41.000 העקטאַר ערד, אין נאָענסטן יאָר זאָלן ווייטערע 60.000 העקטאַר ערד באַארבעט ווערן. פון געביידעס פאַרמאָגט דער סאָווכאָז קודם די הויך-שול גופא, דאַן עטלעכע צוויי- און דריי-שטאָקיקע הייזער פאַר די סטודענטן און אַרבעטער, אַ גרויסן עפנטלעכן לאָקאַל מיט אַ קלוב, אַ ביבליאָטעק, אַ לייען-צימער און אַ היפשן טעאַטער-זאַל.

דער ישוב געפינט זיך אַ 5 מייל ווייט פון אַ באַן-סטאַציע, איז פאַרזאָרגט מיט עלעקטרישער באַלויכטונג און צענטראַל-באַהייצונג, מאַכט אַן איינדרוק פון עפּעס עקזאָטישעס. צי איז דאָס דער אַרכיטעקטור-סטיל פון די הייזער, צי די טראָפּישע היץ און האַלב נאַקעטע אַרבעטער מיט די ברייטע שטרוי-היט, אָדער אפשר די טראַקטאָרן און מאַשינען, וואָס פאָרן אַרום אין אַלע ריכטונגען — איך ווייס נישט וואָס, נאָר דער איינדרוק איז געווען ווי איך וואָלט געהאַט פאַר זיך אַ פילם פון דעם לעבן אין מדבר, און נישט אַ שטיק ווירקלעך לעבן פון רוסלאַנד. וואָס מיר האָט זיך באַזונדערס געוואָרפן אין די אויגן, איז דער ייִנגער עלטער פון גאַנצן פּערסאָנאַל. דער דירעקטאָר, די אינזשינערן און פּראָפעסאָרן, די סטודענטן און אַרבעטער — קיינער האָט נאָך נישט איבערגעשטיגן דאָס 30-טע לעבנסיאָר. אין גאַנץ רוסלאַנד האָב איך נישט באַגעגנט קיין צווייט אָרט, ווו מ׳זאָל אַרויסווייזן אַזוי פיל טיכטיקייט, ליבנס-ווירדיקייט און חברישקייט, ווי אין דעם דאָזיקן סאָווכאָז-ישוב.

צי ווען זיך די סאָווכאָזן ווירטשאַפטלעך באַרעכטיקן?

בעת איך בין געווען אין די דערמאָנטע צוויי סאָווכאָזן, האָב איך קודם כל געוואָלט דערגיין, צי אַ מעכאַניזירטע גרויסע לאַנדווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונג לוינט זיך ווירטשאַפטלעך. צי קאָנען די דאָזיקע ווירטשאַפטן פּראָדוצירן ביליקערע תבואה, ווי די פּויערים? און צי קאָן אָט די ביליקערע תבואה קאָנקורירן אויפן וועלט-מאַרק? סיי דער „סאָווכאָז נומ. 2“, סיי

דער „גיגאַנט" האָבן אויף די פראַגן געגעבן אַ קלאָרע תשובה: יאָ! אָט איז אַ פּאָר ציפערן פון „סאָווכאָז נומער 2": אין יאָר 1929 האָט מען פון איין העקטאַר ערד באַקומען 52 פּוד ווייץ, אין יאָר 1930 שוין 70 פּוד (ביי די פויערים איז געווען די צוויי יאָר 40 און 42 פּוד דורכשניטלעך). די קאָסטן, וואָס פאַלן אויף אַ פּוד ווייץ, זענען אין יאָר 1929 געווען 1.12 רובל, אין יאָר 1930 — 80 קאָפּיקעס. נאָך באַלערנדיקער זענען די ציפערן פון „גיגאַנט". אין יאָר 1929 האָט מען דאָרט באַקומען 54 פּוד ווייץ פון אַ העקטאַר ערד, אין יאָר 1930 — 65 פּוד. די קאָסטן האָבן אויסגעמאַכט אין יאָר 1929 — 88 קאָפּיקעס פון אַ פּוד, מיט אַ יאָר שפּעטער — 62 קאָפּיקעס. וואָס שייך די אויסזיכטן אויף ווייטער, האָט אין „סאָווכאָז נומער 2" דער לייטער, ה' מאַרגאָלין, זיך באַגרענעצט בלויז מיט דער אַלגעמיינער פאַר־זיכערונג, אַז די פּראָדוציר־קאָסטן מוזן און וועלן נאָך פאַרקלע־נערט ווערן. דאַקעגן, דער לייטער פון „גיגאַנט", דער ה' באָ־גאָמאָלקין, האָט קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז די פּראָדוקציע־קאָסטן וועלן שוין אין יאָר 1932 פאַלן ביז 45 קאָפּיקעס.

דערביי מוז מען אָבער באַמערקן, אַז דאָס זענען נישט אַלע פּראָדוקציע־קאָסטן, ווייל געוויסע פּאָזיציעס, וואָס פאַרנעמען אַן אָרט אין בודזשעט פון אַ קאַפּיטאַליסטיש־געפירטערווירט־שאַפט (צום ביישפּיל דירה־געלט און צינזן אויפן קאַפּיטאַל), ווערן דאָ נישט גענומען אין אַכט. דעריבער איז די קאַלקולאַ־ציע אין די סאָווכאָזן אויך גאָר עפּעס נייעס. דער אופן פון פּראָדוצירן איז אין אַ מעכאַניזירטער לאַנדווירטשאַפט אַזוי נישט גלייך צו דעם אופן ווי עס פּראָדוצירט דער איינצלנער פויער, אַז אויך די קאַלקולאַציע מוז זיין אַ גאַנץ אַנדערע. אָט זענען די וויכטיקסטע איינצל־פּאָזיציעס פון דער קאַלקולאַציע, וואָס דער תבואה־טרעסט האָט געמאַכט פאַר דער קולטור פון ווייץ אין יאָר 1930: מאַשינען און אויסשטאַטונג — 34 פּראָצענט; נאַפט און אייל — 17 פּראָצ.; זריעה — 21 פּראָצ.; אַרבעט־לוין — 28 פּראָצענט. און אָט איז נאָך אַ קאַלקולאַציע, געמאַכט דורך דעם אינסטיטוט פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכער גרויס־פּראָדוקציע —

אַ דורכשניט פון די קאָסטן פון אַ העקטאַר ווייץ אין 8 טראַקטאָר־סטאַציעס: רעפּאַרירן די מאַשינען — 10 פּראָצ., נאַפט און אייל — 29 פּראָצ., אַמאָרטיזאַציע פון די מאַשינען — 23 פּראָצ. לוינען פאַר די שאָפערן פון די טראַקטאָרן און פון די פאַרוואַלטונגס־באַאַמטע — 22 פּראָצ., פאַרשידענע קאָסטן — 16 פּראָצ. בײַ דער צווייטער קאַלקולאַציע איז נישט פאַראַן קיין פּאָזיציע פון זריעה, ווייל די דאָזיקע פּאָזיציע געפינט זיך אויף ביידע זייטן פון דער רעכענונג. פון די דאָזיקע קאַלקולאַציעס זעען מיר, אַז ווייץ ווערט היינט פּראָדוצירט נישט נאָר אויף די פעלדער, נאָר אויך אין די פאַבריקן און אין די נאַפט־גרובנס; אַז דער פּרייז פון ווייץ איז, אַלזאָ, אָפּהענגיק פון דעם, ווי ווייט ס'וועט געלינגען צו פאַרביליקערן די פּראָדוקציע אין דער גאַנצער אינדוסטרי. אויב די גענויע קאָסטן פון ווייץ־פּראָדוקציע אין די סאָווכאָזן איז דערווייל נאָך שווער פעסטצושטעלן, איז אָבער, לויט מיין מיינונג, אַן אַנדער זאַך שוין יאָ קלאָר — נעמלעך, אַז די סאָווכאָזישע ווייץ איז איצט שוין ביליקער פאַר פריערשער ווייץ, און זי וועט מכתמא ווערן נאָך ביליקער. און אַלע פאַכמענער, סיי רוסישע, סיי אויסלענדישע, האָבן פעסטגעשטעלט, אַז די קוואַליטעט פון דער ווייץ אין די סאָווכאָזן איז אַ העכערע; דאָס באַווייזט, אגב, שוין דער העכערער פּרייז, וואָס דער „ברויט־צענטער" אָדער „תּבואה־צענטער" (דער מאָנאָפּאָל־איינקויפער פאַר דער מלוכה) צאָלט פאַר דער דאָזיקער ווייץ.

בעת מיין רייזע פאָריקן זומער האָב איך אָנגעטראָפן אין צפון־קאַווקאַז נאָר איין פערמע, די קאָמונע „סיאַטל", וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1921 דורך פינלענדישע רעעמיגראַנטן פון אַמעריקע און וווּ מען האָט באַקומען פאַר דער ווייץ אַ העכערן פּרייז, ווי פאַר דער ווייץ פון די דערמאָנטע צוויי סאָווכאָזן. „סאָווכאָז נומ. 2" האָט דערגרייכט פאַר זיין ווייץ אַ פּרייז פון 1.75 קאָפּ פאַר אַ פּוד; דער „גיגאַנט" — 1.28 קאָפּ. און די קאָמונע „סיאַטל" 1.93 קאָפּיקעס. (דער פּרייז פאַר דער פריערישער ווייץ איז געוועזן אין דורכשניט 1.20 קאָפּ). דערבײַ מוז איך באַטאָנען, אַז די ווייץ פון די דערמאָנטע סאָווכאָזן

איז בכלל פון בעסטער קוואַליטעט און איז גוט סאָרטירט. די גאָר שווערע און האַרטע ווייץ ווערט אײַנגעאַנצן נישט פאַרקויפט, נאָר זי ווערט פאַרטיילט אַלס זריעה צווישן די קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן און די פויערים און מען נעמט ביי זיי אַלס טויש מינדערווערטיקע „קאָנסום"-ווייץ.

פון דעם „גיגאַנט", פון אָט דער גרעסטער לאַנדווירט־שאַפטלעכער אונטערנעמונג אין דער וועלט, האָב איך אין אַל־געמיין נישט אַרויסגעטראָגן אַזאַ גוטן איינדרוק, ווי פון „סאָווכאָז נומ. 2". די פירונג, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, איז דאָ נישט אַזאַ טיכטיקע און די גאַנצע אַטמאָספער איז מיר געווען אומ־סימפאַטיש. שפעטער בין איך געוואָר געוואָרן, אַז אויך אַנדערע באַזוכער האָבן אַרויסגעטראָגן פון „גיגאַנט" אַן ענלעכן איינדרוק: די שנעלקייט ווערט דאָ דערגרייכט אויפן חשבון פון גרינדלעכ־קייט, פערסאָנאַל איז דאָ פאַראַן צופיל, און די מאַשינען ווערן צו שטאַרק אָפּגענוצט.

דער פאַרנעם פון „גיגאַנט" איז ווירקלעך אַן איבער־ראַשנדיקער: ער פאַרנעמט אַ שטח פון 220.000 העקטאַר, און פון זיי זענען 173.000 שוין היינטיקן פרילינג געוואָרן באַאַרבעט. דער לעזער וועט זיך מאַכן אַ באַגריף, ווי ריזיק ס'איז אָט דער סאָווכאָז, ווען איך וועל זאָגן, אַז ער ציט זיך פון צפון צו דרום אויף 84 קילאָמעטער און פון מזרח צו מערב אויף 62 קי־לאָמעטער. היינטיקס יאָר האָט מען אַראָפּגענומען פון די פעלדער 7 מיליאָן פוד ערשטקלאַסיקע ווייץ און אַן ערך 300 טויזנט פוד צווייטראַנגיקע. שטענדיקע אַרבעטער זענען פאַראַן 2000; שוין אַריינגערעכנט פירער פון טראַקטאָרן און פון אַנדערע מאַשינען, מעכאַניקער פון וואַרשטאַטן א. א. אין דער צייט פון שניט קומט־צו נאָך 4000 אַרבעטער. די צאָל נפשות, וואָס וווינען אין סאָווכאָז, צוזאַמען מיט די אַרבעטער־משפחות און מיטן הילף־פערסאָנאַל, איז 17 טויזנט. „גיגאַנט" איז דער גן עדן פון דער יוגנט. 95 פראָצענט פון די איינוווינער זענען נאָך נישט אַלט קיין 30 יאָר. דאַקעגן, דער פראָצענט קאָמוניסטן און קאָמסאָ־

מאָלצעס איז דאָ אַ קלענערער, ווי אין „סאָווכאָז נומ. 2": סך-הכל איז אויפן „גיגאַנט" פאַראַן 1.300 פאַרטיי מיטגלידער.

בעת די סאָווכאָזן זענען געשאַפן געוואָרן אין 1928, האָט מען פאַר זיי געשטעלט אַזאַ אויפגאַבע: זיי זאָלן אין משך פון אַ 3–4 יאָר געבן דער מלוכה פונקט אַזויפיל תבואה, ווי דאָס האָבן פּראָדוצירט די קולאַקן אין יאָר 1927 ד. ה. ביז 100 מיליאָן פוד. די סאָווכאָזן האָבן זיך אָבער אַנטוויקלט מיט אַזאַ אימפּעט, אַז שוין אין פרילינג 1930 האָבן זיי איבערגעשטיגן די געשטעלטע אויפגאַבע; דערצו האָט נאַטירלעך שטאַרק געהאָלפן דער פאַקט, וואָס זיי זענען געוואָרן גוט באַזאָרגט מיט געלט, טראַקטאָרן און ערד. די אָפיציעלע אָמטן שאַצן, אַז אינעם נאָענסטן יאָר וועלן זיי שוין געבן 200 מיליאָן פוד תבואה. איך האָב דעם איינדרוק, אַז צוליב די דאָזיקע דערפאָלגן האָט די רעגירונג געענדערט איר מיינונג, און איצט באַטראַכט זי די סאָווכאָזן פאַר דעם וויכטיקסטן מיטל צו לייזן דעם שווערן אַגראַר-קריזיס. און צוליב דעם וויל איצט די רעגירונג לייזן אויך אַנדערע פאַרוויקלטע פּראָבלעמען — אָפּשאַפן דעם מאַנגל אין פלייש, מילך און גרינוואַרג, הויבן די בוימוואָל- און פלאַקס-פּראָדוקציע — דורך שאַפן ענלעכע מלוכהשע אונטערנעמונגען. ס'עקזיסטירן שוין איצט אייניקע אַזעלכע גרויסע געזעלשאַפטן, ווי „סקאָטאָוואָד" ד. ה. פי-ציכטער, „סווינאָוואָד" — חזירים-ציכטער, „אָווצעוואָד" — שאָף-ציכטער, „פלאַקסציכטער" און „בוימוואָל פלאַנצער".

III. קאָלעקטיוויזאַציע

דער עקספּערימענט צו שאַפן קאָלעקטיווע לאַנדווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען איז אַלט ערשט 2 יאָר*), און דער

*) באַלד נאָכן קומען צו דער מאַכט האָבן די באָלשעוויקעס בעמאַכט פּרוּוון צו שאַפן קאָלכאָזן (קאָלווירטן) און לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָמונעס נאָר יעמאָ"ט האָבן זיי געטראָגן אַ ריין-קאָאָפּעראַטיוון כאַראַקטער, אַזוי אַז מען קאָן נישט יענע פּרוּוון פאַרגלייכן מיט דער באַוועגונג צו קאָלעקטיוויזירן די לאַנדווירט-

פריילינג-פאַרזיי פון 1930 איז, אייגנטלעך, געווען די ערשטע קאָלעקטיווע אַרבעט אין אַ גרעסערן מאַסשטאַב. און דאָך איז שוין ביי דער קאָלעקטיוויזירונג פאָרגעקומען אַ רייע דראַמאַטישע עפּיזאָדן, וועלכע זענען סימפּטאָמאַטיש פאַר דער אומבאַשטענדיקייט פון דער באַציונג צו איר מצד דעם דאָרף. לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַטיוון האָבן זיך אַנטוויקלט אויפן באָדן פון דער מלוכהשער פּראָפּאַגאַנדע פאַר גרעסערע און בעסערע גערעטענישן. אַ לאַנגע צייט האָבן זיך דער „כלעבאָצענטר", אָרגאַן אויפצוזאַמלען די תּבֿואה, און דער „סעמענאָוואָד", אָרגאַן צו זאָרגן פאַר דער פאַרבעסערונג און סאָרטירונג פון דער זריעה, באַמיט צו שליסן אָפּמאַכן מיט די פּויערים. זיי האָבן, כּדי אונטערגעבן חשק די פּויערים, צוגעזאָגט זיי (און נאָך אָפּטער דעם גאַנצן דאָרף) צו באַזאָרגן מיט ערשטקלאַסיקער זריעה, מיט וויסנשאַפטלעכע עצות און מיט לאַנדווירטשאַפטלעכע מכשירים, אפילו מיט טראַקטאָרן, אויב זיי וועלן זיך נאָר פאַרפליכטן אָפּצוגעבן דער מלוכה די איבעריקע תּבֿואה, וואָס איז זיי נישט נויטיק פאַרן אייגענעם געברויך, פאַר אַ פעסטן פּרייז. מען האָט צוגערעדט די פּויערים, אָדער אפילו פאַר אַ תּנאַי עס געמאַכט, אַז זיי זאָלן זיך צוזאַמענעמען אין איין קרייז, כּדי די אַרבעט זאָל קאָנען ראַציאָנעלער געפירט ווערן. מ'האָט זיי אָפט אויך געגעבן געלט-אַוואַנסן אויף דער תּבֿואה, וואָס זיי האָבן געזאָלט לויטן אָפּמאַך ליפערן דער מלוכה.

די דאָזיקע אַלע שריט טראָגן דעם נאָמען „קאָנטראַקטאַציע" און זיי האָבן אַרויסגערופן צום לעבן טויזנטער „תּבֿואה-אַרטעלן", וועלכע זענען ס'רוב מיט דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קאָלכאָזן. די דאָזיקע אַרטעלן, פּונקט ווי די קאָלכאָזן, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין יאָר 1927, האָבן געוויינלעך

שאַפט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1928. אין יענע פּעריאָדן זענען די קאָלעקטיווע אונטערנעמונגען באַשטאַנען יעדע העכסטנס פון אַ 40 משפּחות; ס'איז, אַלזאָ, נישט געווען קיין רייד וועגן גרויסע לאַנדווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען, און מען האָט אויך נישט געוואַגט צו קלערן אפילו וועגן אַזאַ מעכאַניזירונג, ווי מיר זעען עס היינט.

ארומגענומען אין דורכשניט נישט מער ווי א 15—20 פויערישע ווירטשאַפטן; זיי זענען, אַלזאָ, געווען צו קליין פאַר מעכאַניזירונג; אין זיי איז ווייטער אויסגעקומען צו אַרבעטן מיט פערד. עס זענען געווען פּרוּוון איינצופירן טראַקטאָרן און אַנדערע קאָמפּליצירטע לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען, אָבער זיי האָבן זיך נישט איינגעגעבן; ס'איז אַלץ קלאָרער געוואָרן, אַז טראַקטאָרן האָט אַ זין איינצופירן נאָר דאָרט, ווו די קאָלכאָזן זאָלן אַרומנעמען אַ סך אַ גרעסערן שטח, זיי זאָלן אַרומכאַפּן צענדליקער דערפער מיטאַמאָל. אַליין פאַר זיך איז דאָס אפילו נישט געווען קיין זאַך, וואָס זאָל זיך בכלל נישט לאָזן רעאַליזירן. מ'האָט אָבער נישט געזען די מעגלעכקייט דאָס אַדורכצופירן אין דער נאָנטער צוקונפט. אָבער פּלוצלינג האָט מען אָנגעהויבן באַקומען ידיעות וועגן אַ ווירטשאַפט ביי אָדעס, אויפן נאָמען פון שעווטשענקאָ, ווו דער לייטער, ה. א. מאַרקעוויטש, זאָל האָבן מיט דערפאָלג געלעזט די דאָזיקע פּראָבלעם.

„שעווטשענקאָ" איז אַ מלוכהשע ווירטשאַפט און איז, ווי אַלע מלוכהשע ווירטשאַפטן, גוט פאַרזאָרגט מיט טראַקטאָרן און לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען. אין פרילינג 1928 איז מאַרקעוויטש געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז זיינע 100 טראַקטאָרן ווערן נישט גענוגנדיק אויסגענוצט. ער האָט דעריבער פאָרגעלייגט די פּויערים פון די שכנישע דערפער, אַז ער וועט זיי אויסלייען די טראַקטאָרן, כדי זיי זאָלן קאָנען בעסער באַאַרבעטן זייערע פעלדער, אָבער דערפאַר זאָלן זיך די פּויערים פאַרפליכטן צו פאַראייניקן זייערע ווירטשאַפטן און אָפּצוגעבן 25 פּראָצענט פון זייער שניט דער מלוכהשער ווירטשאַפט. לכתחילה האָבן זיין פאָרשלאָג אָנגענומען נאָר 9 דערפער פון 26, און נאָך איינצלנע אָרימערע פּויערים פון 6 אַנדערע דערפער, צוזאַמען מיט אַ שטח פון העכער 9000 העקטאַר ערד. אָבער שוין אין הארבסט פון דעם זעלביקן יאָר זענען צוגעשטאַנען צו דער פאַרייניקונג נאָך 16 דערפער און איינצלנע פּויערים פון אַנדערע 10 דערפער, צוזאַמען מיט אַ שטח ערד שוין פון 24,000 העקטאַר.

דער דערפאָלג פון מאַקעוויטשעס עקספּערימענט איז באַשטאַנען דערין, וואָס מען האָט דערזען, אַז מען קאָן פון איין צענטראַלן אָרט לייכט באַזאָרגן מיט טראַקטאָרן די לאַנדווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען, פונקט ווי זיי ווערן באַזאָרגט מיט עלעקטרי. די דאָזיקע איינפאַכע, אָבער העכסט וויכטיקע אַנטדעקונג איז געוואָרן ענטוזיאַסטיש אויפגענומען דורך די באָלשעוויקעס; זיי האָבן געגלויבט, אַז זיי האָבן דאָ ענדלעך געפונען דעם דירעקטן וועג צו סאָציאַליסטישער לאַנדווירטשאַפט. און ווירקלעך, מאַרקעוויטש דאַרף פאַרנעמען אין דער געשיכטע פון סאָציאַליזם אַן אָרט נעבן די „פּיאָנערן פון ראָטשדעל".

פון דאַן אָן האָבן די באָלשעוויקעס זייער גאַנצע ענערגיע און אויפמערקזאַמקייט קאָנצענטרירט דערויף — צו אָרגאַניזירן אין צוגעפּאַסטע ערטער טראַקטאָר-סטאַציעס און באַוועגלעכע „טראַקטאָר-קאָלאָנעס".

ווי דער גאַנצער פינפיאָרפּלאַן, איז אויך דער לאַנד-ווירטשאַפטלעכער טייל זיינער אויסערסט אָפּטימיסטיש; ער רעכנט, אַז ביז ענדע 1933 זאָלן קאָלעקטיוויזירט ווערן נישט ווייניקער ווי 22 מיליאָן העקטאַר באָדן. אַז די דאָזיקע פּראָגראַם איז געוואָרן באַקאַנט, האָט זי אויסער די רייען פון דער פּאַרטיי אַרויסגערופן נאָר געלעכטער, ווייל זי האָט אויסגעזען ווי אַן אוטאָפּיע; און אין די רייען גופא פון דער פּאַרטיי איז די פּראָגראַם אויך געוואָרן אָנגעגריפן און שאַרף קריטיקירט דורך דער רעכטער אָפּאָזיציע.

בוכאַרין, טאָמסקי און ריקאָוו האָבן זיך, אמת, אָפּגעהאַלטן פון קריטיק; זיי האָבן אָבער געוואָרנט די פּאַרטיי, אַז די קאָלכאָזן קאָנען זיך נישט אַזוי ראַש אַנטוויקלען, אַז זיי זאָלן קאָנען שפּילן אַ ראָל ביים לעזן די תבואה-פּראָבלעם. זיי האָבן געמיינט, אַז נאָר די אָרעמע פּויערים וועלן זיך לאָזן צוציען דורך דעם נייעם פּראָיעקט, און דאָס אויך נאָר צוליב דעם, ווייל זיי ווילן באַקומען פינאַנסיעלע שטיצע פון דער מלוכה.

ווייטער האָבן זיי געזאָגט, אַז די „סערעדניאַקעס" ד. ה. די מיטעלע פּויערים וועלן זיך פאַרהאַלטן נייטראַל, ווייל זיי

ווען נאַטירלעך נישט האָבן קיין חשק מקריב צו זיין זייער אייגענעם פאַרהעלטנישמעסיקן ווילשטאַנד, לטובת דעם וווּל פון כּלל. דער פּלאַן וועט זיך, אַלזאָ, ענדיקן נאָר דערמיט, אַז די מלוכה וועט פאַרשווענדן אומגעהויערע סומעס געלט, אָבער די תּבואה־פּראָדוקציע וועט נישט ווערן געהעכערט און דער סאָציאַליזם וועט נישט אַריינדרינגען אין די דערפער. אָבער טראָץ אַלעמענס דערוואַרטונגען איז געשען אַזוי, אַז די „סערעדניאַקעס" האָבן דערפילט אַ חשק צו דער קאָלכאָז־באַוועגונג און זענען מאַסנווייז צוגעטראָטן צו איר, דערהויפט אין די געגנטן, וואָס פּראָדוצירן אַממייסטנס תּבואה. צי האָט זיי באַוויגן דערצו דער ווילן צו דערשלאָגן זיך צו גרעסערע גערעטעניש דורך דער אָנווענדונג פון טראַקטאָרן און מאַשינען, אָדער עס האָט זיי געשטויסן דערצו די וואַקסנדיקע אומזיכערקייט פון זייער לאַגע, אַלס שיכט, וואָס געפינט זיך צווישן די אָרעמע פּויערים און די קולאַקעס — דאָס איז שווער צו זאָגן. די לאַגע פון נייטראַלע איז פאַר זיי געוואָרן אַלץ שווערער און געפערלעכער, בעת די אָרעמע פּויערים זענען געוואָרן געשטיצט דורך אַלע אַדמיניסטראַטיווע,ווירטשאַפטלעכע און פּאָליטישע אָרגאַנען פון דער מלוכה. אָנשליסן זיך אין די קאָלכאָזן איז אויף יעדן פאַל געווען זיכערער, און עס האָט נאָך געבראַכט מיט זיך ווירטשאַפטלעכע און סאָציאַלע פּריווילעגיעס. סיי די צאָל קאָלכאָזן, וואָס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן אין זומער און האַרבסט פון 1930, סיי דער ריזיקער באָדן־שטח, וואָס זיי האָבן אַרומגענומען, און סיי די צאָל אַריינגעטראָטענע פּויערים — דאָס אַלץ האָט געוויזן באַשיינפּערלעך, אַז די באַוועגונג האָט אַריינגעצויגן נישט בלויז די אָרעמע, נאָר אויך די מיטעלע פּויערים. מינדסטנס אַ העלפט פון דער גאַנצער באַאַרבעטער ערד אין לאַנד האָט אין האַרבסט 1929 שוין געהערט צו די קאָלכאָזן. שפּעטער, אמת, זענען באַקאַנט געוואָרן געוויסע פאַקטן, וואָס האָבן געוויזן, אַז דער סענסאַציאָנעלער וווּקס פון די קאָלכאָזן איז צום טייל געווען נאָר אַ שיינבאַרער וווּקס. אָבער נישט געקוקט דערויף וואָס דער שפּרונג פון אינדיווידועלער צו קאָלעקטיווער ווירטשאַפט

איז פאַרגעקומען אַזוי פלוצלינג און אַזוי געשווינד, און נישט געקוקט אויף דער באַגרינדעטער מורא, צי אַזאַ רעוואָלוציע קאָן האָבן אַ תקומה — מוז מען פאַרט אָנערקענען, אַז דער ערשטער דערפאָלג פון די קאָלכאָזן איז אַן איבעראַשנדיקער.

דער דערפאָלג האָט טאַקע שטאַרק באַאיינפלוסט דעם צענטראַל-קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, און ער האָט אויף צוויי זיצונגען — נאָוועמבער 1929 אין יאַנואַר 1930 — אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וועלכע דריקט אויס זיין פרייד צוליבן זיג פון דער קאָלעקטיוויזאַציע, און דריקט גלייכצייטיק אויס די איבערצייגונג, אַז דער דאָזיקער פּראָצעס וועט זיך נאָך לאָזן מער פאַרשנעלערן. אַנטשפּרעכנד דערצו, האָט דער צענטראַל-קאָמיטעט איינגעטיילט דאָס לאַנד אויף דריי זאָנעס: 1. געביטן מיט איבערוויגנדיקער תבואה-פּראָדוקציע, 2. געביטן פון אינטענסיווע קולטורן, ווי בוימוואָל און פלאַקס. און 3. געביטן, וואָס קאָנסומירן מער תבואה, ווי זיי פּראָדוצירן. ביז ענדע 1931 האָט געזאָלט דורכגעפירט ווערן פולשטענדיק די קאָלעקטיוויזירונג אין דער ערשטער זאָנע; ביז ענדע 1933 האָט געזאָלט פאַרענדיקט ווערן די קאָלעקטיוויזירונג פון דער צווייטער זאָנע, און ביז 1935 — די דריטע זאָנע. גלייכצייטיק האָט דער צענטראַל-קאָמיטעט דערקלערט, אַז דער „גוואַלדיקער דערפאָלג" פון די קאָלכאָזן, וואָס וועלן באַלד קאָנען באַזאָרגן דאָס גאַנצע לאַנד מיט תבואה, מאַכט מעגלעך אויך אַן ענדערונג אין דער פּאָליטיק לגבי די קולאַקעס, וועלכע מען וועט שוין נישט נאָר פינאַנציעל דריקן נאָר פשוט ווירטשאַפטלעך און אַדמיניסטראַטיוו פאַרניכטן, אָדער ווי דאָס שלאָג-וואָרט קלינגט, מען וועט זיי „ליקווידירן" — און דער פּראָצעס פון ליקווידאַציע זאָל גיין האַנט ביי האַנט פּאַראַלעל מיטן וווּקס פון דער קאָלעקטיוויזאַציע. מיט אַנדערע ווערטער: אין די „געביטן פון דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע" דאַרפן די קולאַקעס עקספּראָפּרירט ווערן, און אין די איבריקע געגנטן זאָל מען זיי דערוויל לאָזן צורו.

די דאָזיקע באַשלוסן פונם צענטראַל-קאָמיטעט זענען דורך די קאָלכאָזן און דורך די קאָמוניסטישע טוער אויף די ערטער

פאַרשטאַנען געוואָרן אַלס אויפפאָדערונג ענערגישער צו טרייבן
די קאָלעקטיוויזאַציע-אַרבעט. אין דער פּראַקטיק האָט זיך באַ-
קומען, אַז די היציקע פּראָפּאַגאַנדיסטן האָבן אָנגעהויבן אויס-
איבן אויף די פּויערים דעם שטאַרקסטן דרוק, כּדי צו פאַרענ-
דיקן די קאָלעקטיוויזאַציע ביז סוף פון יאָר 1931, אָדער גאָר
נאָך פריער, און טאַקע נישט נאָר אין די פּאַסיקערע ראַיאָנען,
נאָר אין גאַנצן לאַנד. אַ חוץ דעם האָבן די אָרטיקע טוער גע-
וואָלט נאָך פאַרטיפן די באַוועגונג, צוגעבנדיק איר אַ מער
קאָמוניסטישן כאַראַקטער. זיי האָבן זיך נישט גערעכנט מיטן
גרונט-פּרינציפּ פון דער קאָלעקטיוויזאַציע — מיט דער פרייוויי-
ליקייט – און האָבן יעדן פּויער, וואָס האָט נישט געוואָלט אַריינ-
טרעטן אין קאָלכאָז, שוין דערפאַר אַליין באַטראַכט פאַר אַ קו-
לאַק, און זענען זיך סיי מיט די אמתע, סיי מיט די כּלומרשטע
קולאַקעס באַגאַנגען אַזוי שטרענג, אַז זיי האָבן נישט נאָר קאָנ-
פיסקירט זייער האָב און גוטס, נאָר האָבן זיי נאָך חוץ דעם
אַרעסטירט, פאַרשיקט און אָפּגענומען ביי זיי זייער שטימרעכט *).
זיי זענען אַוועק נאָך ווייטער און האָבן אַ סך קאָלכאָזן
פאַרוואַנדלט אין קאָמונעס, אַזוי אַז אויך די קי, די שאָף, די
חזירים, אפילו די עופות, וואָס אין די קאָלכאָזן בלייבן זיי
פּריוואַט-אייגנטום, זענען דאָ אויף אַ צוואַנג-אופן געוואָרן סאָ-
ציאַליזירט. און אין הסכם דערמיט, ווי זיי (די אָרטיקע טוער)
האָבן אויסגעטייטשט דעם לאָזונג „דורכויסיקע קאָלעקטיוויזאַציע",
האָבן זיי פאַרוועט אויך יעטוועדן האַנדל אין די דערפער און
פון איין דאָרף מיטן צווייטן.

---

*) די ראַטן-אָרגאַנען גיבן, נאַטירלעך, נישט אָן די צאָל עקספּראָפּרי-
אירטע קולאַקן; אומדירעקט קאָן מען טרעפן די צאָל. אין זיין רעדע אויפן
לעצטן קאָנגרעס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט סטאַלין מיטגעטיילט, אַז
דאָס אייגנטום, וואָס איז אָפּגענומען געוואָרן ביי די קולאַקן און איבערגעגעבן
געוואָרן די קאָלכאָזן, האָט באַטראָפן אַ ווערט פון 400 מיליאָן רובל. ביי דער
זעלבער געלעגנהייט האָט יאַקאָוולעוו, דער קאָמיסאַר פון לאַנדווירטשאַפט, דער-
קלערט, אַז דאָס קאָנפיסקירטע אייגנטום מאַכט אויס 15 פּראָצענט פון אַלגע-
מיינעם קאַפּיטאַל, וואָס די קאָלכאָזן פאַרמאָגן.

דער דאָזיקער צוואַנג האָט זיך נישט באַגרענעצט בלויז מיט ווירטשאַפטלעכע פראַגן, ער האָט זיך אויסגעשפּרייט אויפן גאַנצן לעבן פון די פּויערים, וועלכע זענען אויף אַזאַ אופן גענומען געוואָרן אונטער דער הערשאַפט פון קאָמוניזם. צו יענער צייט איז דאָס שליסן קירכעס און אַרונטעררייסן קירכן־גלעקער געוואָרן ממש אַן עפּידעמיע. און מערקווירדיק: דער דאָזיקער קאָלעקטיוויזאַציע־אימפּעט האָט זיך נישט באַגנוגנט בלויז מיט די תבואה־פּראָדוצירנדיקע ראַיאָנען, ווו מען קאָן דורכפירן אַ גרויסע מעכאַניזירונג, נאָר דער אימפּעט האָט זיך אַריבערגעוואָרפן אויך אין די ראַיאָנען פון אינטענסיווע קול־טורן, ווי בוימוואָל, פלאַקס, בוראַקעס, ווו די הויפּט־ראָל שפּילט מענטשלעכע אַרבעט, און אפילו אין די אָפּגעשטאַנענע נאַציאָנאַלע רעפּובליקן, ווו די לאַנדווירטשאַפט איז נאָך גאָר אַ פּרימיטיווע און ווערט געפירט אויף אַן אינדיווידועלן אופן. דאָס אַלץ האָט געפירט דערצו, אַז די פּויערים האָבן אָנגעהויבן שטעלן אומעטום אַ ווידערשטאַנד און דער אָפיציעלער אָפּטימיזם האָט געמוזט אָפּטרעטן זיין פּלאַץ פאַר גרויסער זאָרג און אומרו.

די קאָמוניסטישע אָרטיקע טוער האָבן דעריבער באַקומען אַ געהיימע אָנווייזונג, איינצוהאַלטן אַביסל זייער היציקייט און ווייניקער פּראָוואָצירן די פּויערים־מאַסע. און כּדי צו באַרויקן די פּויערים, האָט די רעגירונג זיך אַנטשלאָסן אַרויסצולאָזן אַן אָפיציעלע אויפקלערונג וועגן איר פּאָליטיק. דאָס איז געשען אין פאָרם פון אַן אָפענעם בריוו, וואָס סטאַלין האָט פאַרעפנטלעכט, אונטערן נאָמען „קאָפּ־שווינדל פון דערפאָלג", ווו ער האָט שאַרף געשטעמפּלט די נאַרישקייט און פרעכהייט פון די אָרטיקע קאָמוניסטישע טוער, וועלכע זענען אַזוי פאַרשיכּורט פון זייערע נצחונות, אַז זיי האָבן פאַרלוירן יעטוועדן חוש פאַר ווירקלעכקייט.

סטאַלין האָט מיט דעם גאַנצן אויטאָריטעט פון אַ פּאַרטייפירער אָנגעגריפן די לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס פאַר דער פאַר־

קריפּלטער פּאָליטיק, און האָט זיי באַפוילן גלייך זיך אומקערן צום שכל.

דער צענטראַל-קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי האָט אוין אַרויסגעגעבן וועגן דעם זעלביקן ענין אַ שאַרפן מאַניפעסט צו אַלע לאַנד-, פּראָווינץ- און ראַיאָן-קאָמיטעטן. אויסער דעם האָט די רעגירונג פאַרעפנטלעכט אַ גאַנצע רייע פאַראָרדנונגען, דורך וועלכע ס׳איז מיטגעטיילט געוואָרן די פּויערים, אַז אַלע עוולות וועלן פאַריכט ווערן, אַז די קאָלעקטיוויזירונג וועט ווייטער פאָר־קומען נאָר לויט דעם פרייען ווילן פון יעדן איינעם; ווער ס׳האָט זיך געצוווּנגענערהייט אָנגעשלאָסן אין אַ קאָלעקטיוו־קאָן אים מיט זיין גאַנצן האָב און גוטס ווידער פאַרלאָזן. און וויל ווער ווייטער פאַרבלייבן אין קאָלכאָז, קאָן ער פאַרלאַנגען, מ׳זאָל אים אומקערן זיין אייגנטום.

סטאַלינס בריוו איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַלע צייטונ־גען פון לאַנד (נאָר אין עטלעכע געגנטן איז ער געוואָרן פאַר־באַהאַלטן) און האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע סענסאַציע. סטאַ־לינס בריוו, צוזאַמען מיט דעם מאַניפעסט פון צענטראַל-קאָמי־טעט און מיטן אָנזאָג פון אַ נייעם סטאַטוט פאַר אַרטעלן, איז פאַרקויפט געוואָרן אין דער פאָרם פון אַ בראָשור פאַר איין אָדער צוויי קאָפּיקעס און האָט דערגרייכט צו אַן אומ־דערהערטער אויפלאַגע פון 18 מיליאָן עקזעמפּלאַרן.

סטאַלינס בריוו און די פאַראָרדנונגען פון דער רעגירונג האָבן גלייך געהאַט אַ ווירקונג. טויזנטער פּויערים, וועלכע מ׳האָט געהאַט געצוווּנגען אַריינצוטרעטן אין די קאָל־כאָזן, זענען איצט פון זיי אַרויסגעטרעטן, און אַ סך קאָלכאָזן האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר „טויטע נפשות״, אָדער נאָר אויפן פּאַפּיר. ס׳איז ווידער געוואָרן פריי דער האַנדל אין די דער־פער און צווישן דאָרף און שטאָט, די גלויביקע האָבן צוריק־באַקומען די קירכעס, מ׳האָט צוריקגעגעבן די סאָציאַליזירטע פי און דאָס גאַנצע איבעריקע פּריוואַט-אייגנטום. אַלס רעזולטאַט פון אָט דער „רייניקונגס-אַקציע״, איז געקומען אַ שטאַרקע ירידה פון דער קאָלכאָז-באַוועגונג. אויב פריער האָבן צו די קאָלכאָזן

שוין געהערט 50 פּראָצענט פּויערים אָדער נאָך מער, איז איצט דער פּראָצענט געפאַלן ביז 3—7. אפילו אין דרום-מזרח רוסלאַנד און אין אַנדערע געגנטן, ווו די קאָלעקטיוויזירונג איז שוין כמעט געווען פאַרענדיקט, איז דער פּראָצענט געפאַלן ביז 25.

אָבער נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, מוז מען זאָגן, אַז סטאַלינס דראַמאַטישע אינטערווענץ איז געווען אַ כיטרער טריק און האָט געראַטעוועט די באַוועגונג. זיין אַרויסטריט האָט גע-לייטערט די לופט און דערשטיקט אין איר אָנהויב די געפער-לעכע אומצופרידנהייט. אָבער איצט האָט ער נאָך געמוזט דער-גאַנצן זיין שריט דורך פּאָזיטיווע פאַראָרדנונגען, כדי צו דער-מוטיקן אויך די אָנהענגער פון דער קאָלכאָז-באַוועגונג און די פּויערים, וואָס זענען יאָ געניגט אַריינצוטרעטן אין די קאָלכאָזן.

די קאָלעקטיוויזאַציע ווערט רעווידירט

אָנהויב אַפּריל (1930) האָט די רעגירונג דורך אַ רייע פאַראָרדנונגען געמאָלדן, אַז די מיטגלידער פון די קאָלכאָזן וועלן געניסן פון אַ רייע נייע פּריווילעגיעס. די דאָזיקע פּריווילעגיעס זענען געווען דרייערליי. ערשטנס, האָט מען צוגעזאָגט צו שענ-קען אָדער קלענער מאַכן די שטייערן און די געלט-שטראָפן. די קאָלכאָז-פּויערים האָבן פון איצט אָן געהאַט צו צאָלן וויניקער שטייערן, ווי די אינדיווידועלע פּויערים פון דער זעלביקער קאַ-טעגאָריע; אַלע שטייער-חובות און אויך אַלע געלט-שטראָפן, וואָס זענען אַרויפגעלייגט געוואָרן דורך דער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט אָדער געריכט, זענען געוואָרן אַנולירט; די פּראָצעסן פאַר אַזעלכע חטאים זענען בטל געוואָרן. צווייטנס, האָט מען געגומען העלפן די קאָלכאָן-פּויערים ראַציאָנעלער צו באַאַרבעטן זייערע פעל-דער — אַלע פעלדער, וואָס האָבן ערשט איצט אָנגעהויבן באַ-אַרבעט צו ווערן, זענען אויף 2 ביז 4 יאָר באַפרייט געוואָרן פון שטייערן. דריטנס, האָט מען גענומען שלום מאַכן מיט די „סערעדניאַקעס" (מיטעלע פּויערים), וועלכע זענען ביז איצט גע-ווען אומצופרידן דערפון, וואָס די אָרעמע פּויערים, וועלכע

האָבן אַריינגעבראַכט אין די קאָלכאָזן אַ פּיל קלענערן אָדער גאָר קיין שום קאַפּיטאַל נישט, האָבן אַרויסגענומען נאָך דער געררעטעניש דעם זעלביקן חלק, וואָס זיי. פון איצט-אָן האָט מען איינגעפירט צו פאַרטיילן צווישן די מיטגלידער פון קאָלכאָז 5 פּראָצענט פון דער ברוטאָ-הכנסה פּראָפּאָרציאָנעל צו דער גרויס פון אַריינגעבראַכטן קאַפּיטאַל פון יעדן מיטגליד. אויסער דעם האָט די רעגירונג געמאָלדן, אַז זי האָט אַסיגנירט נאָך 500 מיליאָן רובל אויף צו שטיצן די קאָלכאָז-באַוועגונג.

די דאָזיקע גאַנץ היפשע הנחות פאַר די פּויערים זענען נויטיק געווען, ווייל מ׳איז געשטאַנען אוממיטלבאַר פאַרן פרי-לינג-פאַרזיי. און די סיטואַציע איז באמת געווען אַ געפערלעכע, מחמת די קולאַקן, וואָס זענען נאָך נישט געוואָרן „ליקווידירט״, האָבן, נאַטירלעך, זייער ווייניק חשק געהאַט צו פאַרזייען מער ערד, ווי דאָס איז זיי נויטיק פאַרן אייגענעם געברויך, און די „סערעדניאַקעס״, וואָס זענען נאָך נישט געווען אָנגעשלאָסן אין די קאָלכאָזן, זענען אויך געווען אַזוי געשטימט. אָבער אפילו אָן אָט דער שטימונג האָבן זיי אויך נישט געקאָנט גאָרנישט מאַכן, ווייל אַלע טראַקטאָרן זענען געבראַכט געוואָרן אויף די פעלדער פון די קאָלכאָזן, און אָן טראַקטאָרן זענען זיי נישט געווען אימשטאַנד צו באַאַרבעטן דעם גאַנצן שטח פון זייערע פעלדער. אויסער דעם האָט די רעגירונג געשטיצט מיט סאָר-טירטער זריעה און מיט אַנדערער הילף נאָר די קאָלכאָזן, פאַר די אינדיווידועלע פּויערים האָט די רעגירונג נישט געטון גאָר-נישט. ממילא איז אויסגעקומען, אַז ווען די קאָלכאָז-באַוועגונג האָט אַ שטאַרקן פאַל געטון, איז דער פרילינג-פאַרזיי — וועל-כער איז אַזוי וויכטיק — געווען אין אַ גרויסער סכנה. די רע-גירונג האָט געראַטעוועט די לאַגע נאָר דורך דעם, וואָס זי האָט אַזוי שנעל זיך דעצידירט צו מאַכן הנחות די פּויערים, און וואָס די הנחות זענען ענערגיש געוואָרן רעאַליזירט. אין דער ניי-געשאַפענער פרידלעכער אַטמאָספער האָט זיך שוין דער פרילינג-פאַרזיי אָנגעהויבן מיט גוטע אויסזיכטן, און אַ סך פּויערים זע-נען גאָר ווידער פרייוויליק אַריינגעטראָטן אין די קאָלכאָזן. די

שריט פון דער רעגירונג האָבן, אַלזאָ, געבראַכט רעזולטאַטן. כאָטש די גרעסטע צאָל קולאַקן זענען שוין געווען עקספּראָפּריִרט, אָדער זיי האָבן אַליין פאַרקלענערט דעם באַאַרבעטן שטח ערד, איז דאָך אין אַלגעמיין דער פאַרזיי-שטח אויסגעוואַקסן אויף 7 פּראָצענט. אויך די קאָלכאָז-באַוועגונג האָט געמאַכט נייע פאָרשריט, און היינט נעמט זי שוין אַרום 25 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל פויערים פון ראַטן-פאַרבאַנד*). אין די געביטן, וואָס פּראָדוצירן אַמיינסטנס תּבואה, ד. ה. אין דרום-מזרחדיקן טייל פון די אוקראַינישע סטעפּעס, אין צפון קאַווקאַז און אין וואָלגע-געביט, געהערן שוין 48 פּראָצענט פויערים צו די קאָלכאָזן; אין זעם מער אינדוסטריאַליזירטן טייל פון אוקראַינע און אין צענטראַל-רוסלאַנד — 25 פּראָצענט; אין די געביטן, וועלכע אימפּאָרטירן תּבואה, ד. ה. אין מיטל- און צפון-רוסלאַנד נאָר 8 פּראָצענט.

פון מיינע באַזוכן אין די פאַרשידענע קאָלכאָזן בעת דער דרעש-צייט האָב איך באַקומען דעם איינדרוק, אַז צווישן די פויערים איז שוין פאַראַן דער באַוווסטזיין פון דער נויטיקייט געמיינזאַם צו באַאַרבעטן די ערד און פון דער נוצלעכקייט פון לאַנדווירטשאַפטלעכער גרויס-פּראָדוקציע. מיינע אָבסערוואַציעס, דאַרף איך צוגעבן, האָב איך געמאַכט אין די אייגנטלעכע תּבואה-ראַיאָנען, אין דרום-אוקראַינע און אין געביט פון די דאָנער קאָזאַקן. אין אַ געוויסער הינזיכט טויגן זיך די דאָזיקע ראַיאָנען נישט איבעריק שטאַרק פאַר דער קאָלעקטיוויזאַציע, ווייל די דאָרטיקע באַפעלקערונג האָט אַ ספּעציעלע נייגונג צו אינדיווידועלער ווירטשאַפט. דערפאַר אָבער טעכניש פּאַסן זיי זיך זייער גוט פאַרן קאָלעקטיוויזאַציע-עקספּערימענט, ווייל דאָ ווערט געווינלעך קולטיווירט אומעטום נאָר איין פּראָדוקט — ווייץ, קאָרן אָדער קערן-בלומען. אויך דער באָדן איז דאָ ווי געשאַפן געוואָרן פאַר מעכאַנישער באַאַרבעטונג.

---

*) היינט, יוני 1931, דערגייט שוין דער פּראָצענט קאָלעקטיוויזירטע פויערים איבערן גאַנצן פאַרבאַנד, לויט די אָנגאַבן פון דער סאָוועטישער פּרעסע, ביז איבער 52 (איבערז.).

אין די אויבנדערמאָנטע ראַיאָנען איז איצט די לאַגע אַזאַ: אין טעכנישער הינזיכט האָט די קאָלעקטיוויזיר-באַוועגונג גע-מאַכט גרויסע פאָרשריט; די פויערים האָבן פאַרשטאַנען די נוצן פון דער אינדוסטריאַליזירונג און מעכאַניזירונג פון דער לאַנד-ווירטשאַפט, ווי אויך די נויטיקייט פון געמיינזאַמער אַרבעט און פון פאַרייניקן זייערע אַרבעט-מיטלען. אויף ווי ווייט זיי וועלן שלום-מאַכן מיט די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פאָלגן פון דער קאָ-לעקטיוויזאַציע — דאָס איז דערווייל שווער צו זאָגן. שוין איצט לאָזן זיך דייטלעך באַמערקן שטאַרקע אונטערשידן אין די אינטערעסן, שטימונגען און סימפּאַטיעס. די קאָלכאָז-מיטגלידער באַשעפטיקט איצט אַממיינסטנס — און וואַרשיינלעך וועט זיי שטענדיק באַשעפטיקן — די פראַגע וועגן דעם, ווי זאָל פאָרקו-מען אין קאָלכאָז די אַרבעט-פאַרטיילונג און די פאַרטיילונג פון דער הכנסה. פון דעם לכתחילהדיקן געדאַנק, אַז די קאָלכאָז-מיטגלידער מוזן באַקומען אַלע גלייכע חלקים, האָט מען זיך אָפּגעזאָגט, ווי דאָס באַווייזט דער דעקרעט פון דער רעגירונג וועגן 5-פּראָצענטיקן דיווידענד אויפן קאַפּיטאַל. און אַפילו אָן דעם בלייבן נאָך אַלץ אין אַ קאָלכאָזן-דאָרף מער און ווייניקער פאַרמעגלעכע פויערים, מער און ווייניקער טיכטיקע. איינע פאַר-מאָגן קי, חזרים און עופות; אַנדערע האָבן גרויסע גערטנער פון גרינוואַרג, מעלאָנען און אוגערקעס; נאָך אַנדערע וואַנדערן אַלס סעזאָן-אַרבעטער אין די שטעט און פאַרדינען דאָרט היפשע סומעס געלט. און אַ חוץ דער אומגלייכהייט אין די פאַרמעגנס, זעען מיר אין די קאָלכאָזן נאָך אַן אַנדערע אומגלייכהייט: די הכנסה ווערט דאָך פאַרטיילט לויט דער קוואַנטיטעט און קוואַ-ליטעט פון יעדנס אַרבעט. כאָטש די רעגירונג גיט זיך די גרעסטע מי, אַז אַלע קאָלכאָז-מיטגלידער זאָלן האָבן גלייכע שאַנסן, פאַלן דאָך די בעסער באַצאָלטע אַרבעטן אומפאַרמיידלעך אַריין צו די טיכטיקערע פויערים. די אַרבעט ווערט באַצאָלט לויט אַ פינפ-שטופיקן טאַריף, דער יסוד איז — אַ 10 שעהדיקער אַרבעט-טאָג.

צו דער ערשטער שטופע געהערן די איינפאַכסטע אַרבעטן, ווי צום ביישפּיל פירן אַ פערד און וואָגן, פירן מיסט און היי, פאַשען די קי און חזרים. צו דער צווייטער שטופע געהערן אַזעלכע אַרבעטן, ווי בינדן סנאָפּעס, זעצן קאַרטאָפל, רייניקן דאָס ווילדגראָז. דער לוין אין דער שטופע באַטרעפט מיט 25 פּראָצענט מער, ווי אין דער ערשטער שטופע. צו דער דריטער שטופע געהערט: אַקערן מיט פערד, זייען מיט דער האַנט אָדער מיט דער מאַשין און פאַרוואַלטן מיטן מאַגאַזין. דער לוין באַטרעפט מיט 50 פּראָצענט מער, ווי אין דער ערשטער שטופע. צו דער פערטער שטופע געהערן די דרעשער, בוי-אַרבעטער, שוסטער און שמידן, און זייער לוין איז מיט 75 פּראָצענט העכער, ווי אין דער ערשטער שטופע. צו דער פיפטער שטופע געהערן דער לייטער פונם קאָלכאָז, דער ערשטער בוכהאַלטער, די שאָפערן פון די טראַקטאָרן און די אַגראָנאָמען; זייער לוין איז טאָפּלט, ווי אין דער ערשטער שטופע.

ערשט נאָכדעם, ווי מען האָט אַראָפּגענומען די גערעטעניש פון די פעלדער, קאָן מען פעסטשטעלן, וואָס האָט אין דערווירקלעכקייט אַריינגעבראַכט אַן אַרבעט-טאָג. באַרעכנט ווערט עס אויף פאָלגנדיקן אופן: פון דער ברוטאָ-הכנסה ווערן אַראָפּגערעכנט קודם-כל די חובות, דאַן די אַלגעמיינע הוצאות, די קאָסטן פון דער זריעה, די תבואה אויף דערנערן די קינדער און די אַרבעט-אומפעיקע, די אויסגאַבן אויף קולטור-צוועקן און 5 פּראָצ. דיווידענד. די רעשט סומע ווערט געטיילט אויף דער צאָל אַלגעמיין-אָפּגעאַרבעטע און פאַרשריבענע טעג. די סומע, וואָס באַקומט פון זיך אַזאַ טיילונג שטעלט מיט זיך פאָר, אויסגעדריקט אין תבואה, דעם ווערט פון אַן אַרבעט-טאָג פון דער ערשטער שטופע.

דער דאָזיקער אופן פון פאַרטיילן די אַרבעט (אויף 5 שטופעס) און נאָך מער דער אופן פון באַרעכנען דעם לוין מוז, נאַטירלעך, אַרויסרופן אַ סך בייז בלוט און נאָך מער פאַרשטאַרקן די אומגלייכהייט. אָבער די מיינונגס-פאַרשידנהייטן אין די קאָלכאָזן באַגרענעצן זיך נישט בלויז צו די פראַגן פון אייגנ-

טום און הכנסה-פּאַרטיילונג; דער אמתער און סאַמע בולטער קעגנזאַץ איז דאָ, ווי בכלל אין רוסלאַנד, צווישן דער יוגנט און די מיטעלערע עלטער-קאַטעגאָריעס. די עלטערע לייט באַטראַכטן די קאָלכאָזן נאָר פון ריין-ווירטשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט, און ביים אָננעמען אַ שטעלונג ריכטן זיי זיך סוף-כּל-סוף נאָר מיט דעם, צי זיי קאָנען עקאָנאָמיש פּראָפיטירן אָדער פאַרלירן פונם קאָל-כאָז. דער קאָלכאָז מוז שוין גאָר גרויסע געווינסן צוזאָגן דעם פּויער, כּדי ער זאָל שלום-מאַכן מיטן געדאַנק, וואָס דער קאָל-כאָז מישט זיך אין זיין סאָציאַלן, רעליגיעזן און פאַמיליען-לעבן. די יינגע, פאַרקערט, באַגייסטערן זיך קודם כּל דוקא דערפון, וואָס דורך דער קאָלכאָז-באַוועגונג ווערט איבערגעאַנדערשט דאָס סאָציאַלע לעבן און דאָס פאַמיליען-לעבן. די עקאָנאָמישע מעלות פון די קאָלכאָזן אינטערעסירן זיי ווייניקער, זיי באַטראַכטן די באַוועגונג אין דער ערשטער ריי אַלס אַ מיטל צו באַפרייען זיך פון דער אַפּוטרופּסות מצד די עלטערן; און די מאַשינען, מיט וועלכע זיי קומען אין באַרירונג צום ערשטן מאָל אין לעבן, צעפלאַקערן זייער פאַנטאַזיע און שפּייזן זיי מיטן טרוים פון אַ נייער עפּאָכע.

טראַקטאָר-סטאַציעס

וויל מען זיך מאַכן אַ באַגריף דערפון, וואָס פאַר אַן איינ-פלוס ס'האָבן די מאַשינען אויף דער גאַנצער לעבנס-אָריענטאַציע פון דעם יינגערן דור, מוז מען כאָטש בלויז אַ פּאָר שעה פאַר-ברענגען אויף אַ „טראַקטאָר-סטאַציע". אַ היינטיקער דאָרף-יינגל דאַרף שוין נישט וואַרטן, ביז ער וועט אַמאָל קומען אין שטאָט, כּדי ער זאָל דערזען די נייעסטע דערגרייכונגען פון דער טעכ-ניק; צוזאמען מיטן טראַקטאָר קומען איצט די דאָזיקע דערגריי-כונגען צו אים אין דאָרף. די אויפגאַבע פון אַזאַ „סטאַציע" איז אין דער ערשטער ריי צוצושטעלן פאַר די קאָלכאָזן מעכאַ-נישע קראַפט צום אַקערן, זייען, שניידן און דרעשן; אָבער די „סטאַציע" ברענגט נייע ווערטן נישט נאָר אויפן לאַנדווירטשאַפט-

לעכן געביט, נאָר אויך אויפן קולטורעלן: זי שאַפט אַ גאַנץ ביייעם לעבנס-שטייגער. די „סטאַציע" און אירע רעמאָנט-וואַר-שטאַטן פילן אויס די פאַרשידנסטע אַרבעטן און דאָס אַלץ פאַר-באַפט און באַגייסטערט די יוגנט. די „סטאַציע" לערנט דאָס יונגוואַרג, ווי מען מאַכט עלעקטרישע באַלויכטונג, זי אָרגאַניזירט פרייוויליקע פייערלעשער-גרופן, וועלכע פאָרן אַרום אויף די אויטאָמאָבילן; זי אָרגאַניזירט קורסן צו ליקווידירן דעם אַנאַל-פאַבעטיזם, זי אָרגאַניזירט קורסן פאַר שאָפערן, זי לערנט, ווי צו באַגיין זיך ביי צענטראַלער באַהייצונג און ווי צו באַנוצן די נייע אַפּאַראַטן צום מעלקן. אויף איינער אַ טראַקטאָר-סטאַציע אין סקורישענסק האָב איך אפילו געזען וואַסער-פּאָמפּעס אויף צו באַוואַסערן די גרויסע האַנדלס-גערטנער, וועלכע נעמען אַרום אַ שטח פון 210 העקטאַר; און מ'האָט מיר דאָרטן דערציילט, אַז די יינגלעך און מיידלעך מעלדן זיך פרייוויליק און מיט אַ באַ-זונדערן פאַרגניגן צו דער דאָזיקער אַרבעט. די טראַקטאָר-סטאַציע זאָרגט אָבער נישט נאָר וועגן בילדונג, נאָר אויך וועגן פאַרוויילונג. די דערמאָנטע סטאַציע אין סקורישענסק — צום ביישפּיל — פאַרמאָגט 8 באַוועגלעכע ראַדיאָ- און קינאָ-אַפּאַראַטן, וועלכע גיבן רעגלמעסיק פאָרשטעלונגען אין די שכנותדיקע דערפער.

ווער פאַרלירט, ווער געווינט

דער קאַמף צווישן עלטערן און יינגערן דור געפינט זיך ערשט אין זיין אָנהויב-סטאַדיע, אָבער שוין איצט זעט מען, אַז די יוגנט איז דעצידירט אַ סוף צו מאַכן צום פריערדיקן אַרט לעבן אין דאָרף, און צו צערייסן אַ סך אומאנגענעמע, שווערע פאַמיליע-בענדער. באַזונדערס גרויס זענען די מיינונג-פאַרשידנ-הייטן אין דער פראַגע, צי זאָל דער לוין פון דעם יינגוואַרג אָפּגעגעבן ווערן, לויט די אַלטע מנהגים, די עלטערן, אָדער די-רעקט די יינגע מיידלעך און בחורים. די יינגע חברה ווילן נאַטירלעך, אַליין באַקומען אויסגעצאָלט זייער לוין און זיי ווילן

דאָס אויסגעבן לויטן אייגענעם איינזען. און די באַאַמטע אין די
קאָלכאָזן באַציען זיך אין אַלגעמיין סימפּאַטיש צו דער דאָזיקער
פאָדערונג פון די יינגע. דאַקעגן, דערמאָן איך מיר אַן אָנגע-
שטעלטן אין אַ קאָלכאָז-מילך-פערמע, אַ מענטש שוין פון איבער
50, וואָס האָט אַ גאַנצע שעה פאַר מיר געקלאָגט, אַז ער האָט
נאָר איין-איינציקע טענה קעגן דער נייער באַוועגונג: מען צאָלט
אים נישט אויס דעם לוין פון זיין טאָכטער. אים האָט די זאַך
אַזוי וויי-געטון, אַז ער האָט זיך גאָרנישט געקאָנט טרייסטן.
אומעטום האָט מען מיך פאַרזיכערט, אַז אַ דאַנק די קאָל-
כאָזן איז די לאַנדווירטשאַפטלעכע הכנסה באַדייטנד געוואַקסן,
קודם כּל דערפאַר, וואָס די מאַשינען און טראַקטאָרן אין די
קאָלכאָזן האָבן מעגלעך געמאַכט צו באַאַרבעטן אַ סך אַ גרע-
סערן שטח ערד, ווי פריער, ווען מ'האָט געמוזט אַרבעטן נאָר
מיט פערד און פרימיטיווע אַקער-מכשירים. לויט דער אָפיציעלער
סטאַטיסטיק, האָבן אין יאָר 1929 די אינדיווידועלע פויערים,
וואָס געהערן איצט צו די קאָלכאָזן, באַאַרבעט אַ שטח ערד פון
24 מיליאָן העקטאַר, דאַקעגן אין יאָר 1930, זייט ס'זענען גע-
שאַפן געוואָרן די קאָלכאָזן, האָבן די זעלבע פויערים באַאַרבעט
35 מיליאָן העקטאַר. דאָס באַדייט אַ צווואַקס פון 45 פּראָצענט
(די עקספּראָפּריאירטע ווירטשאַפטן פון די קולאַקן בילדן, נאַ-
טירלעך, אויך אַ טייל פון דעם שטח). נאָך גרעסער קומט אויס
דער דערפאָלג, ווען מען באַרעכנט די גערעטעניש לויט אַ
העקטאַר ערד: אין די קאָלכאָזן באַטרעפט די גערעטעניש אויף
איין העקטאַר 54 פוד, מיט 10 פוד מער, ווי ביי די איינצל-
פויערים. די גרעסערע גערעטעניש איז אַ רעזולטאַט דערפון,
וואָס אין די קאָלכאָזן ווערט דער באָדן צעאַקערט טיפער, די
זריעה איז בעסערע און די אַרבעט-פאַרטיילונג איז אַ ראַציאָ-
נעלערע. אין די קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן איז דער פרילינג-
פאַרזיי פאַרענדיקט געוואָרן אין פאַרלויף פון 11 טעג, אַ דאַנק
די נייסטע אַקער-מכשירים; אין די פּריוואַטע ווירטשאַפטן האָט
זיך די זעלביקע אַרבעט געצויגן כּמעט העכער אַ חודש.
נעמענדיק אין אַכט די עקאָנאָמישע יסודות פון אַ מעכאַ-

ניזירטער גרויס-ווירטשאַפט, איז קיין שום ספק נישט, אַז די אָרעמע פּויערים זענען שטאַרק פאַראינטערעסירט אינם דערפאָלג פון דער קאָלכאָז-באַוועגונג. דאָס אַליין זיכערט אָבער נאָך נישט דעם דערפאָלג פון דער באַוועגונג, ווייל אָן די „סערעדניאַקעס", דעם גרויסן קלאַס פון די מיטעלע פּויערים, וואָלט די קאָלכאָז-באַוועגונג קיינמאָל נישט געקאָנט דערגרייכן איר איצטיקן שטאַנד. און די קאָלכאָזן וועלן טאַקע נאָר דעמאָלט האָבן אַ דויערהאַפטן ווירטשאַפטלעכן דערפאָלג, ווען די „סערעדניאַקעס" וועלן זיך ענדגילטיק איבערצייגן, אַז די קאָלכאָזן לוינען זיך פאַר זיי. ס'לאָזט זיך נאָך איצט אָבער נישט זאָגן, צי וועלן זיך די „סע-רעדניאַקעס" אויף דער דויער פילן גוט אין די קאָלכאָזן. די רעגירונג, יעדנפאַלס, איז איבערצייגט, אַז דער קאָלכאָז וועט ברענגען די סערעדניאַקעס פונקט אַזויפיל נוצן, ווי די אָרעמע פּויערים. יאַקאָוולעוו, דער זייער טיכטיקער קאָמיסאַר פאַר לאַנד-ווירטשאַפט, האָט זיך וועגן דער פראַגע אַרויסגעזאָגט אַזוי: „דורך דעם, וואָס עס פאַרגרעסערט זיך דער שטח באַאַרבעטע ערד און עס ווערט געהעכערט די פּראָדוקטיווקייט פון דער אַרבעט — ווערט ס'רוב די הכנסה אין די קאָלכאָזן אויף אַזוי-פיל גרעסער, אַז דאָס גענוגט, כדי צו דערהויבן די פאַרדינסטן פון די אָרעמע פּויערים צו דער הויך פון דער דורכשניטלעכער הכנסה פון אַ מיטל-פּויער, און צו פאַרגרעסערן די הכנסות פון די מיטל-פּויערים... אַ מיטל-פּויערישע פאַמיליע פאַרדינט אין אַ קאָלכאָז מער ווי פריער, און אַ אָרעם-פּויערישע פאַמיליע פאַר-דינט מער, ווי ס'האָט פריער פאַרדינט אַ מיטל-פּויערישע פאַמיליע".

דאָס גיט זייער גענוי איבער די פאַרהעלטניש צווישן די אָרעמע און מיטעלע פּויערים, לויט ווי איך האָב עס געזען אין אַ באַקאַנטן קאָלכאָז. דערביי איז די פאָרמולירונג אויסגעדריקט פאָרזיכטיקט און אויף קיין פאַל נישט ענדגילטיק — ביי די פאַרהעלטנישן, וואָס הערשן איצט, קאָן טאַקע נישט זיין קיין אַנדערע פאָרמולירונג.

צוגאָב צום קאַפּיטל III

I. דער פּראָצענט קאָלעקטיוויזירטע ווירטשאַפטן *)

יאָר	ראַטן-פאַרבאַנד	רעפּובליקן	
		רוסלאַנד	אוקראַינע
1929	3.9	3.7	5.6
1930	24.1	19.9	88.8

II. דער פּראָצענט קאָלעקטיוויזירטע ווירטשאַפטן אין די תבואה-פּראָדוצירנדיקע ראַיאָנען

יאָר	ראַיאָנען				
	ראַטן-אוקראַינע	צפון-קאַווקאַז	נידער-וואָלגאַ	אויבער-וואָלגאַ	שוואַרץ-ערדישער ראַיאָן
1929	5.6	7.3	5.9	3.9	3.2
1930	38.8	55.2	34.8	20.4	15.1

III. דורכשניטלעכע גרויס פון די קאָלכאָזן

ראַיאָנען	צאָל ווירטשאַפטן אין אַ קאָלכאָז	דורכשניטלעכער שטח (אין העקטאַרן) פון אַ קאָלכאָז
מיטל-וואָלגאַ	76.7	595.4
נידער-וואָלגאַ	321.1	3.246.4
צפון-קאַווקאַז	222.5	1.779.0
ראַטן-אוקראַינע	92.5	480.3

*) די ציפערן באַציען זיך אויף יוני 1930.

VI. דער פי-קריזיס

די שווערסטע פּראָבלעם, די תּבואה פּראָבלעם, איז, אַלזאָ, געלעזט. איצט גייען מיר איבער צו לעזן די פליישׁ- און מילך-פּראָבלעמען — אַזוי ריידן טאָג-טעגלעך די קאָמוניסטן. און באמת ווענען די צוויי פּראָבלעמען זייער דרינגענדע, אפשר נאָך מער דרינגנד, ווי ס'איז געווען די תּבואה-פּראָבלעם. ערשטנס, האָט די צאָל פי נאָך נישט דערגרייכט אַפילו דעם צושטאַנד פון פאַרמלחמה, כאָטש די צאָל איז נאָך דעם בירגער-קריג אַביסל געוואַקסן; צווייטנס זענען די רוסישע פי שטענדיק געווען מינדערוועדטיק אין פּרט פון פלייש און מילך. זייט 1928 איז דער פי-באַשטאַנד ווידער אַמאָל שטאַרק געפאַלן, ווי מען קאָן זען פון די פאָלגנדיקע ציפערן:

	1928	1929
האָרן-פי	70.667.500	67.230.000
קי	30.754.500	30.338.000
שאָף	133.592.300	132.758.800
חזירים	26.120.000	20.502.000

דעם באַשטאַנד אויף היינט-צו-טאָג איז שווער פעסטצושטעלן, ווייל ס'פעלן נאָך די ציפערן פאַרן יאָר 1930; זיכער איז אָבער איינס, אַז ער איז נאָך פיל קלענער, ווי אין יאָר 1929. לויט אָפיציעלע קוועלן,*) האָט מען פאַרן יאָר—פון 1 מערץ 1929 ביז 1 מערץ 1930—קאַטאַסטראָפאַל מאַסנהאַפט אויסגעשאָכטן פי, אַזוי אַז דער באַשטאַנד פון רינד-פי איז פאַרקלענערט געוואָרן אויף אַ פינפטל, פון קי אויף אַן אַכטל, פון שאָף — אויף אַ דריטל און פון חזירים — אויף צוויי פינפטל.

די דאָזיקע מאַסנהאַפטע אויסשעכטונג איז, ווי באַקאַנט, געווען אַן ענטפער אויף דעם קאָלעקטיוויזירונגס-צוואַנג און אויף

---

*) יאַקאָוולעוו, דער קאָמיסאַר פון לאַנדווירטשאַפט, האָט זיי באַנוצט אויפן לעצטן קאָנגרעס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין מאָסקווע.

די רעפּרעסיעס קעגן די קולאַקן; דאָס איז געווען דער ענט־פער פון די פויערים אויף די פּרוּוון צו סאָציאַליזירן זייער פי. די קולאַקן האָבן אויסגעשאָכטן זייערע בהמות, ווייל זיי האָבן — צוליב דעם לאָזונג פון דער רעגירונג צו „ליקווידירן" ווי אַלס קלאַס — נישט געקאָנט באַקומען פאַרן פי קיין געהע־ריקן פּרייז. און די אָרעמערע פויערים האָבן געטון דאָס זעל־בע, אַלס פּראָטעסט קעגן דער גוואַלטזאַמער קאָלעקטיוויזאַציע. ווען די רעגירונג האָט אין מערץ 1930 ענדלעך דערזען די לאַגע, איז שוין דאָס אומגליק געווען פאַר דער טיר. מיט דער צייט האָט זיך דער מאַנגל אין פלייש און אין מילך־פּראָדוקטן פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסער הונגער־נויט און איצט שטייט דאָס לאַנד פאַר דער פראַגע, ווי אַזוי פאַרפולט מען דעם באַשטאַנד פון פי און ווי אַזוי באַוואָרנט מען זיך מיט גענוג פלייש, פּו־טער און מילך.

מאַנגל אין פלייש און מילך

די פי־פּראָבלעם איז גאַנץ ענלעך צו דער תבואה־פּראָבלעם: נישט נאָר עס ווערט צו ווייניק פּראָדוציר׳ט, נאָר ס׳קומט צו ווייניק אויפן מאַרק. אַפילו דעמאָלט, ווען דער באַשטאַנד פונם פי איז געווען גרעסער און איז אייגנטלעך געווען גענוג אויף צו באַזאָרגן דעם מאַרק מיט פלייש און מילך, איז אויך דער צו־פיר געווען שלעכט אָרגאַניזירט. אַזוי צום ביישפּיל, פלעגן געוויינ־לעך אין האַרבסט די פויערים ברענגען זייער פי אויפן מאַרק, (דאַן ווען זיי האָבן זיך באַפרייט פון דער אַרבעט אויפן פעלד), כדי פאַרשפּאָרן צו פּאַשן דאָס פי. דער מאַרק פלעגט אין דער צייט זיין פאַרפלייצט מיט בהמות, און נאָך אָט דער צייט פון קינסטלעכן איבערפלוס פלעגט, נאַטירלעך, קומען אַ פּער־יאָד פון קינסטלעכן מאַנגל. איצט האַנדלט זיך, אַלזאָ, נישט נאָר וועגן פאַרגרעסערן דעם באַשטאַנד פונם פי נאָר אויך וועגן באַוואָרענען אַ רעגלמעסיקן מאַרק־צופיר פון פלייש פאַר די שטעט.

רעגירונג איז איבערצייגט, אַז לעזן די פּראָבלעם פון פלייש און מילך קאָן מען נאָר דורך קאָלעקטיווע פי-צוכט, דורך שאַפן ריזיקע פי-צוכט קאָלכאָזן. אָבער אפילו ביי דער ראַציאָנעלסטער פי-צוכטעריי וועט עס מוזן דויערן יאָרן, ביז דער באַשטאַנד פון פי וועט אויסוואַקסן צו דער געפאָדערטער מדרגה. די צווייטע מעגלעכקייט—מ׳זאָל אַריינפירן פי — איז פאַרן ראַטן-פאַרבאַנד נישט פאַראַנען. בלייבט, אַלזאָ, נישט קיין אַנדערע מעגלעכקייט, ווי נאָר צו פאַרבעסערן קוואַליטאַטיוו דעם פאַראַנענעם פי-באַשטאַנד. צוליב דעם, וואָס עס פעלן פאַשע-פעלדער און גוטע פאַשע, איז ביז אַהער געפאַלן סיי די צאָל פי, סיי זיין קוואַליטעט. פריער האָט מען אין רוסלאַנד געפאַשעט דאָס פי מיט היי און שטרוי, מיט בלויז אַ קליינעם צוגעמיש פון מער קאָנצענטרירטער זאַפטיקערער פאַשע. דאָס וויכטיקסטע איז, אַלזאָ, ס׳זאָל געענדערט ווערן די פאַשע; די בהמות מוזן באַקומען אַ געמיש פון זאַפטיקערער און טרוקענער פאַשע און נעמלעך: צוויי דריטל זאַפטיקע און איין דריטל טרוקענע, פונקט פאַרקערט, ווי עס קומט פאָר איצט.

דאָס ענדערן די פאַשע מוז רעוואָלוציאָניזירן די גאַנצע לאַנדווירטשאַפט. פאַרטאָפלן די פלייש- און מילך-פּראָדוקציע — ווי ס׳זעט פאָר די מינימום-פּראָגראַם — איז מעגלעך נאָר דאַן, ווען מינדעסטנס 40 מיליאָן העקטאַר ערד זאָלן אָפּגעגעבן ווערן אויף צו פאַרזייען באַשטימטע פאַשע, ווי קוקורוזע, קאַרטאָפל, געוויסע סאָרטן גראָזן, ריבן און אַרבעס. אויך דאָס פאַשע-פעלד, וואָס איז ביז איצט געווען אין רוסלאַנד פאַרוואָרלאָזט און נישט באַאַרבעט אַפילו אויפן פּרימיטיווסטן אופן, נויטיקט זיך אין ספּעציעלער זאָרג און אויפמערקזאַמקייט. און מיטן פאַרזייען פון פאַשע-פּראָדוקטן ווערט נאָך די פאַשע-פּראַגע נישט אויסגעשעפּט. מ׳מוז נאָך ווייטער זאָרגן, אַז דאָס פי זאָל באַקומען קאָנצענטרירטע פעטע שפּייז. די לעצטע צען יאָר האָט מען דערביי סרוב אָנגעווענדט דעם א. ג. סילאָס-מעטאָד, וועלכער באַשטייט אין דעם, אַז מען שיט אָן אַ געמיש פון טרוקענער און גרינער פאַשע אין טיפע און צעמענטירטע גריבער, מען

פאַרמאַכט די גרוב און מען לאָזט די פּאַשע לייכט פערמענ־טירן. עס באַקומט זיך דאַן אַ מין געפּעקלטער קאָמפּאָסט, גע־שמאַקע קאָנצענטרירטע פּאַשע, וואָס איז זייער אָנגענומען אין קאַנאַדע און אין די פאַרייניקטע שטאַטן. גייט טאַקע אין רוס־לאַנד אַ גוואַלדיקע פּראָפּאַגאַנדע פאַר בויען טויזנטער סילאָס־טורעמס און צענערטויזנטער סילאָס־גריבער.

סאָציאַליסטישע פּיצוכט

איצט באַמיט זיך די רעגירונג מער צו פאַראינטערעסירן די קאָלכאָזן־פּויערים מיט דער פּיצוכט; זי טוט דאָס אויף צוויי אופנים: דורך פּראָפּאַגאַנדע און דורך מלוכהשע סובסידיעס. פאַר דעם לויפנדן יאָר האָט זי אַסיגנירט 170 מיליאָן רובל, וועלכע וועלן פאַרוועגדט ווערן הויפּטזעכלעך אויף בויען שטאַלן פאַר חזירים און אויף איינצושאַפן מילך־קי און חזירים. אָבער ווען אפילו מ׳זאָל זיך באַלד נעמען צו דער פּאַשע־קולטור, וועט זיך די פלייש־פאַרזאָרגונג אויף פאַרבעסערן ערשט אין 2–3 יאָר אַרום. און אַזוי ווי די רעגירונג האָט געזוכט אַ מיטל, ווי תיכף צו פאַרלייכטערן די לאַגע, האָט זי דעריבער אַ באַ־זונדערע אויפמערקזאַמקייט געווענדעט אויף דער צוכט פון חזירים. ווייל חזירים זענען פּרוכטבאַרער, ווי אַנדער פי, רעכנט די רעגירונג, אַז אַן ערך אין 14 חדשים אַרום וועט שוין זיין אויפן מאַרק גענוג חזירים־פלייש, בעת מיט רינדער־פלייש וואָלט דאָס מוזן דויערן 3 יאָר. דער חזיר איז פאַר די באָל־שעוויקעס, ווי אַ מין פּאָטענציעלע פאַבריק פון פלייש, און דערפאַר הערט מען אומעטום דעם רוף: „האָדעוועט חזירים!״

דער רוסישער פּויער איז קיינמאָל נישט געווען איבריק פעיק צו פּיצוכט; צי וועט ער זיך די מלאכה אויסלערנען אין די קאָלכאָזן — דאָס וועט ערשט די צוקונפט ווייזן. רעכ־נענדיק זיך מיט דעם דאָזיקן פאַקט און אויך מיט דעם גרויסן דערפאָלג פון די מלוכהשע תבואה־ווירטשאַפטן (סאָווכאָזן), וויל די רעגירונג אָרגאַניזירן אַ ריי מלוכהשע פּיצוכטערייען, אונטער

דער לייטונג פון 3 טרעסטן: דעם „פי-צוכטער", דעם „שאָף-צוכטער" און דעם „חזירים-צוכטער". דעם ערשטן טרעסט האָט מען איבערגעגעבן האָרן-פי אין אַ צאָל פון אַ האַלבן מיליאָן שטיק, וועלכע ער זאָל אין פאַרלויף פון 1931 יאָר פאַרמערן ביז 3 מיליאָן שטיק, און מען האָט אים אויך איבערגעגעבן 16 מיליאָן העקטאַר ערד פאַר פאַשע, מערסטנטייל אין שכנות פון די מלוכהשע תבואה-ווירטשאַפטן — אַזוי אַרום וועט אַ טייל שטרוי קאָנען נוצלעך פאַרווענדט ווערן. דעם „שאָף-צוכטער" האָט מען איבערגעגעבן 11 מיליאָן העקטאַר באָדן, צום גרעסטן טייל אויף דער צווייטער זייט וואָלגאַ, און אַ קלענערן טייל אין די מזרח-רעפּובליקן פון ראַטן-פאַרבאַנד. דער טרעסט פאַרמאָגט היינט-צו-טאָג 2.600.000 שאָף, וועלכע ער מוז אין פאַרלויף פון דעם יאָר פאַרמערן ביז 5 מיליאָן. די שאָף ווערן געהאָדעוועט נישט נאָר צוליבן פלייש, נאָר אויך צוליב דער וואָל. אַמערגסטן שטייט איצט דער „חזירים-צוכטער"; עס זענען פאַראַן 250 חזירים-צוכטערייען, אָבער צוזאַמען האָבן זיי קוים 85.000 שטיק און אַ שטח ערד פון 500 טויזנט העקטאַר. ביז איצט האָט זיך די אַרבעט פון די דאָזיקע מלוכהשע צוכטערייען באַגרענעצט הויפּטזעכלעך מיט איינאָרדנען שטאַלן פאַר קי, הויפן פאַר שאָף, שטאַלן פאַר חזירים, און מיט איינשאַפן צוכט-עקזעמפּלאַרן פאַר אַלע מינים פי.

דער פי-באַשטאַנד פון די דאָזיקע צוכטערייען באַשטייט אויסשליסלעך פון אינלענדישע מינים אַ חוץ אַ באַגרענעצטע צאָל אימפּאָרטירטע פון אויסטראַליע, און אַ געוויסע צאָל חזירים, וואָס זענען אַריינגעפירט געוואָרן פון ענגלאַנד. ביי דער אַלגעמיינער פאַרקלענערונג פונם פי-באַשטאַנד איז דאָס געווען נישט קיין לייכטע אויפגאַבע צו קריגן מיליאָנען פי פאַר די צוכטערייען, און אַלס רעזולטאַט פון דער דאָזיקער אָנזאַמלונג פון פי אויסשליסלעך פאַר די צוכטערייען האָט געמוזט אַנטשטיין נאָך אַ גרעסערער מאַנגל אין פלייש, יעדנפאַלס אויף די צווי נאָענטסטע יאָר.

די אויפגאַבע פון מילך-פאַרזאָרגונג איז אַרויפגעלייגט גע-

וואָרן הויפּטזעכלעך אויף די קאָלכאָזן, וועלכע פאַרמאָגן שוין, אַלס קאָלעקטיוו אייגנטום, אַריבער אַ מיליאָן קי, אַ חוץ די פּריוואַטע קי פון יעדן קאָלכאָז-מיטגליד באַזונדער. די דאָזיקע קי מוזן פאַרזאָרגן די שטעט מיט מילך, און די רעגירונג פּראָפּאַגאַנדירט כסדר, אַז ס'איז וויכטיקער צו העכערן דעם סכום מילך, וואָס מען באַקומט אַרויס פון יעדער קו באַזונדער, איידער צו פאַרגרעסערן די צאָל קי. ווי באַוווּסט, האָבן די קי אין רוסלאַנד תמיד געגעבן ווייניק מילך, נישט אַזוי צוליב דער מינדערווערטיקער ראַסע פון די דאָרטיקע קי, ווי צוליב דער נישט-גענוגנדער פּאַשע און צוליב די שלעכטע סאַניטאַרע באַדינגונגען. דורך וואַרימערע און לופטיקערע שטאַלן און דורך קרעפטיקערער פּאַשע האָפט מען אין משך פון אַ קורצער צייט צו פאַרטאָפּלען דעם סכום מילך, וואָס די קי גיבן איצט.

V. פּלאַקס און בוימוואָל

ווען מיר וואַרפן אַ בליק אויף די פאָרשריטן פון דער אינדוסטריע אין די ערשטע צוויי פּלאַן-יאָר, וואַרפט זיך גלייך אין די אויגן דער פאַקט פון אַ גרויסער דיספּראָפּאָרץ צווישן די דערגרייכונגען פון אירע צוויי גרופּעס (א. און ב.). צו דער גרופּע א. געהערט די שווער-אינדוסטריע, ווי קוילן-גרובן, מעטאַלורגיע, מאַשינען-בוי, טראַנספּאָרט-וועזן און עלעקטרישע סטאַציעס, קורץ — די אינדוסטריע-צווייגן, וואָס פּראָדוצירן פּראָדוקציע-מיטלען; צו דער גרופּע ב. געהערט די לייכט-אינדוסטריע, וואָס פּראָדוצירט קאָנסום-אַרטיקלען. די דיספּראָפּאָרץ איז נישט קיין צופעליקע, נאָר בפירוש אַ בכיוונדיקע, אַ פאָרויסגעזעענע. אַזוי ווי דער אינדוסטריאַליזירונגס-פּלאַן זייל קודם-כל אומאָפּהענגיק מאַכן די רוסישע אינדוסטריע פון דעם „פיינטלעכן" אויסלאַנד, מוז ער, נאַטירלעך, די גרעסטע אַכט שענקען דער שווער-אינדוסטריע; ערשט ווען ס'וועט זיין אין אַ גענינגנדיקער מאָס קוילן, נאַפט, אייזן, וועדקצייג און מאַשינען — וועט קאָנען זיך אַנטוויקלען פריי און אומגעשטערט אויך די לייכט-אינדוסטריע. די

פאַרקלענערונג פון דער פּראָדוקציע פון געברויך-מיטלען איז, אַלזאָ, פאָרויסגעזען דורכן פּלאַן, אָבער דער גראַד פון דער פאַר-קלענערונג איז בלי ספק אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק פונם מאַנגל אין רוי-שטאָפן. יעדנפאַלס די טעקסטיל-אינדוסטרי ווערט געשטערט אין איר אַנטוויקלונג דורך דעם מאַנגל אין פלאַקס און בוימוואָל; אַזוי, למשל, האָט מען אין יאָר 1930 געמוזט אָפּשטעלן אַלע טעקסטיל-פאַבריקן אויף 75 טעג, ווייל ס'איז נישט געווען קיין בוימוואָל.

העכערן די פלאַקס- און בוימוואָל-פּראָדוקציע — דאָס גע-הערט, אַלזאָ, צו די גאָר ערנסטע פּראָבלעמען פונם ראַטנפאַר-באַנד. בלויז מיט פאַרגרעסערן דעם פאַרזיי-שטח קאָן מען די פראַגע נישט פאַרענטפערן; דאָס האָט מען די לעצטע יאָרן אין אַ גרויסער מאָס שוין געטון. אין פאַרגאַנגענעם יאָר איז דער פאַרזיי-שטח געווען שוין גרעסער אויף 30 פּראָצענט, ווי פאַר דער מלחמה, אָבער די גערעטעניש איז געווען גרעסער קוים אויף 2 פּראָצענט. די פלאַקס-פעלדער זענען נישט אַזוי שנעל געוואָקסן, אָבער זיי זענען אויך היינט-צו-טאָג מינדעסטנס אַזוי גרויס, ווי פאַר דער מלחמה; דאָס גערעטעניש אָבער מאַכט אויס נאָר 52 פּראָצענט פון פאַרמלחמה.

די ראַטן-רעגירונג דערקלערט אָט דעם שלעכטן צושטאַנד דערמיט, וואָס אויף דעם געביט הערשט נאָך די קליין-ווירט-שאַפט, און זי וויל איצט אַוועקשטעלן די קולטור פון פלאַקס אין גאָר אַ גרויסן מאַסשטאַב, מיט מאָדערנע טעכנישע הילף-מיטלען, מיט אַנדערע ווערטער, די רעגירונג וויל באַקעמפן דעם מאַנגל אין פלאַקס און בוימוואָל דורך אָרגאַניזירן ריזיקע מלוכהשע פּלאַנטאַציעס און דורך פאַרייניקן די קליינע פלאַקס- און בוימ-וואָל-ווירטשאַפטן אויך אין קאָלכאָזן.

סך-הכל באַטרעפט דער שטח, ווו מען זייט בוימוואָל, 1.760.000 העקטאַר, דערפון זענען אין יאָר 1930 צעאַקערט געוואָרן דורך טראַקטאָרן 200.000 העקטאַר. מיט דעם דערפאָלג איז די רעגירונג טאָפּלט צופרידן: ערשטנס, האָבן די דאָזיקע בוימוואָל-פעלדער געגעבן אַ פיל העכערע גערעטעניש; צווייטנס,

האָט דאָס צוגעגעבן חשק די טורקעסטאַנישע פויערים, די טאַדזשיקן, זיי זאָלן אויך פּרוּוון דעם אינטענסיוון מעטאָד פון אַרבעט. אויפן יאָר 1931 האָט די רעגירונג אָנגעמערקט, אַז העכער אַ מיליאָן העקטאַר בוימוואָל-פעלדער זאָלן צעאַקערט ווערן דורך טראַקטאָרן.

די בוימוואָל-פּראָבלעם אין טורקעסטאַן איז ענג פאַרבונדן מיט דער אַלגעמיינער תבואה-פּראָבלעם אין רוסלאַנד. כדי טורקעסטאַן זאָל צוריקבאַקומען זיין אַמאָליקע באַדייטונג, אַלס פּראָדוצענט פון בוימוואָל, מוז מען אַהין צופירן פון אַנדערע טיילן פון לאַנד תבואה און אַזוי אַרום באַפרייען די טורקעסטאַנער באַפעלקערונג פון דער נויטיקייט צו פּראָדוצירן ווייץ און קאָרן פאַרן אייגענעם געברויך, ווייל פון דער רעוואָלוציע אָן האָבן די איינוווינער פון טורקעסטאַן געמוזט אָנהויבן זייען תבואה, אַנשטאָט בוימוואָל. גייט טאַקע איצט אַ לאָזונג: „אַ סוף זאָל געמאַכט ווערן מיט דעם זייען תבואה אין טורקעסטאַן!” די וויכטיקסטע מאָס-מיטלען דערצו, וועלכע ס'לייגן פאָר דער רעגירונג די ספּעצן, זענען: ליפערן דעם לאַנד אַ גענוגנדע מאָס תבואה, אויסבויען אַ גרעסערע באַוואַסערונגס-סיסטעם, אונטער דער אָנפירונג פון הויך-קוואַליפיצירטע אַמעריקאַנער ספּעצן, און שליסן קאָנטראַקטן וועגן צונעמען די גאַנצע בוימוואָל-גערעטעניש. אומאָפּהענגיק דערפון האָט די רעגירונג געמאַכט אַ פּרוּוו צו פאַרלייגן גרויסע בוימוואָל-פּלאַנטאַציעס אויך אין אומבאַוואַסערטע געביטן. פאָריק יאָר איז אַזאַ פּרוּוו געמאַכט געוואָרן, מיט דער הילף פון טראַקטאָרן, אויף אַ שטח פון 150.000 העקטאַר אין מיטל-אַזיע, און דער עקספּערימענט האָט זיך אַזוי גוט איינגעגעבן, אַז אין יאָר 1931 וועט ער ווערן איבערגעחזרט אויף טאָפּלט אַזאַ שטח. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אפילו שלעכטע גערעטענישן דעקן די הוצאות פון דער באַאַרבעטונג און לוינען זיך, וויבאַלד די אַרבעט ווערט געמאַכט דורך מאַשינען.

איך דערמאַן באַזונדערס דעם דאָזיקן עקספּערימענט, ווייל מיר דוכט, אַז ער וואַרפט אַן אינטערעסאַנט ליכט אויף דעם אַ[illegible]ן געדאַנקן-גאַנג פון די רוסישע ווירטשאַפט-דיקטאַטאָרן. דער

בלויזער פאַקט, אַז זיי קאָנען עקספּערימענטירן מיט ריזיקע שטחס בתולה-ערד שאַפט ביי זיי, זעט אויס, מער באַגייסטערונג פאַר עקסטענסיווער קולטור, ווי פאַר אינטענסיווער. דער דאָזיקער אַמעריקאַניזם, ווי מען רופט דאָס אין רוסלאַנד, דריקט זיך אויס אין אַ סך אופנים, צום ביישפּיל אין דעם דרייסטן פּראָיעקט צו פאַרלענגערן די ווייצן-זאָנע ביז צום ברעג צו פון דער וויס-טעניש — וועגן וואָס איך וועל נאָךריידן שפּעטער.

כדי צו העכערן די פּראָדוקציע פון פלאַקס, זענען אויך פאַראַן עטלעכע פאָרשלאַגן, וועלכע מ׳קאָן אַזוי פאָרמולירן:

1. צוגרייטן נייעם באָדן אויף צו זייען פלאַקס.

2. אָרגאַניזירן מלוכהשע-פלאַנטאַציעס און קאָלכאָזן צו זייען פלאַקס.

3. פאַרזאָרגן די געגנטן, וואָס פּראָדוצירן פלאַקס, מיט תבואה פון אַנדערע טיילן לאַנד.

ס׳איז נאָך צו פרי שוין איצט אַרויסצוטראָגן אַן ענדגילטיקן אורטייל איבער דעם דערפאָלג פון די דאָזיקע מאָסמיטלען

VI. טראַקטאָרן, אַקער-מכשירים און מאַשינען

אין יאָר 1930 האָט רוסלאַנד פּראָדוצירט לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען און מכשירים אַן ערך אויף אַ סומע פון 321 מיליאָן רובל *), אַלזאָ, פינפמאָל מער, ווי פאַר׳ן מלחמה. און ווירקלעך, די מאַשינען-אינדוסטרי גייט אין שפּיץ פון אַלע איבעריקע אינדוסטריעס, און אויב זי וועט ווייטער זיך אַנטוויקלען אין זעלביקן טעמפּ, וועט זי אינגיכן זיין די גרעסטע פּראָדוקציע

*) דערצו דאַרף מען באַמערקן, אַז לויט אַ באַשלוס פון דער ראַטן-רעגירונג זענען די פּרייזן פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען און מכשירים נישט העכער, ווי די אַנטשפּרעכנדיקע פּרייזן אין רוסישן און אויסלענדישן קאַטאַלאָג פון פאַר דער מלחמה. און דערפאַר באַדייט די דערמאָנטע סומע 321 מיליאָן פאַר מלחמהדיקע רובל, נישט אינפלאַציע-רובל.

פון לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען אין דער וועלט, גרעסער ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

אָבער קוואַנטיטעט און קוואַליטעט זענען צוויי פאַרשיידענע זאַכן; און די רוסישע לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען זענען טאַקע שלעכט, צום טייל דערפאַר ווייל די פאַבריקן האָבן גרשט געמוזט זיך צופּאַסן צו די נייע פאָדערונגען פון מעכאַניזירטער אַרבעט. ביז 1928 זענען די פאַבריקן געווען צוגעפּאַסט נאָר צו דער פּראָדוקציע פון „פּויערישע מכשירים”, דאָס הייסט צו מאַשינען, וועלכע ווערן געטריבן דורך פערד, בלויז 3 פּראָצענט פאַבריקן האָבן אויסגעאַרבעט מאַשינען, וואָס זאָלן געטריבן ווערן מיט דער הילף פון טראַקטאָרן. אין יאָר 1930 איז דער דאָזיקער פּראָצענט אויסגעוואַקסן ביז 24 און אין יאָר 1931 זאָלן שוין 60 פּראָצענט פון אַלע מאַשינען צוגעפּאַסט זיין צו די טראַקטאָרן. דאָס מאַכט נויטיק אַ גרינדלעכע און טייערע רעאָרגאַניזאַציע, וואָרום די גאַנצע אויסשטאַטונג אין אַלע פאַבריקן מוז פאַרביטן ווערן, עס זענען נויטיק נייע מאַסיווערע מאָדעלן און בעסערע רוי-מאַטעריאַלן, ווי למשל האַרטערער שטאָל און פעסטער האָלץ.

איינע אַ ריזיקע נייע פאַבריק „סעלמאַש” *), וועלכע איך האָב באַזוכט אין זומער 1930, האָט געמוזט דריי מאָל אומגעבויט ווערן. צוערשט איז זי געוואָרן צוגעפּאַסט אויף פּראָדוצירן פערד-באַראָנעס און אַנדערע מאַשינען, און צום סוף האָט מען גאָר די פאַבריק געמוזט צופּאַסן, זי זאָל פּראָדוצירן סנאָפּן-בינדער און שנייד-מאַשינען, וואָס אַרבעטן מיט טראַקטאָר-קראַפט. דאָ, ווי אין אַ סך אַנדערע פאַלן, האָט דער טראַקטאָר באַדייט אַ רעוואָלוציע, וועלכע האָט געקאָסט סיי צייט, סיי געלט. דורך דעם כסדרדיקן איבערבויען די פאַבריקן און צופּאַסן זיי צו די נייעסטע מאָדעלן האָט געליטן, נאַטירלעך, און געפאַלן די פּראָדוקציע, און זייער אָפט איז פאַרערגערט געוואָרן אויך די קוואַליטעט פון דער פּראָדוקציע.

פאַר דער מעכאַניזירונג פון דער לאַנדווירטשאַפט איז נישט בלויז נויטיק די פּראָדוקציע פון טראַקטאָרן און קאָמפּליצירטע

---

*) פאַבריק פון לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען.

לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען, נאָר אויך אַ סיסטעמאַטישע באַ־זאָרגונג מיט לאַסט־אויטאָס, רעמאָנט־וואַרשטאַטן, טאַנק־שטעלן, תּבואה־עלעוואַטאָרן, סאָרטיר־מאַשינען, טעלעפאָנען, סטאַציעס פון דראָטלאָזן טעלעגראַף און פיל אַנדערע הילף־מיטל, ווי משא־וועגענער, וווין־וועגענער, פעלד־קיכן. טאָג־טעגלעך שטעלט די אינדוסטריאַליזירונג פון דער לאַנדווירטשאַפט נייע פּאָדערונגען, וועלכע האָבן ביז היינט נאָך נישט געלאָזט זיך פאַרווירקלעכן.

מער פאַר אַלץ זאָרגט די רעגירונג וועגן דער פּראָדוקציע פון טראַקטאָרן, זי האָט צו דעם צוועק אויסגעבויט דריי נייע פאַבריקן: איינע אין סטאַלינגראַד (וואָלגאַ), די צווייטע אין כאַרקאָוו (אוקראַינע), די דריטע אין טשעליאַבינסק (סיביר); אויסער דעם האָט זי אַזוי פאַרגרעסערט די פּוטילאָווער פאַבריקן אין לענינגראַד, אַז איצט קאָן מען דאָרט אויך פּראָדוצירן מינ־דעסטנס 20.000 טראַקטאָרן אַ יאָר. די סטאַלינגראַדער פאַבריק איז נישט לאַנג פאַרטיק געוואָרן, און גייט־אָן פאַר דער גרעס־טער און מאָדערנסטער טראַקטאָרן־פאַבריק; זי קאָן פּראָדוצירן יערלעך מינדעסטנס 30.000 טראַקטאָרן פון 20 פערד־קראַפט פון „אינטערנאַציאָנאַלן שנייד־מאַשינען־טיפּ". די כאַרקאָווער פאַבריק זאָל געעפנט ווערן אין די ערשטע חדשים פון 1932, און איז איינגעאָרדנט אויף צו פּראָדוצירן ביז 50.000 טראַקטאָרן אַ יאָר פון 15 און 30 פערד־קראַפט; די טשעליאַבינסקער פאַבריק דאַרף פאַרטיק ווערן אין זומער 1932; זי זאָל פּראָדוצירן יעדן יאָר 40.000 „שמעטערלינג"־טראַקטאָרן, פון 25 ביז 60 פערד־קראַפט יעדער. דער טראַקטאָרן־טיפּ „אינטערנאַציאָנאַל" זאָל אָנגעווענדט ווערן אין די קאָלכאָזן; פאַר די סאָווכאָזן און אויף אויפצוברעכן פרישן באָדן איז באַשטימט דער טראַקטאָר „שמעטערלינג".

ווי נאָר די דאָזיקע פאַבריקן וועלן פאַרטיק ווערן און וועלן אָנהייבן אַרבעטן, וועט רוסלאַנד קאָנען פּראָדוצירן יעדן יאָר טראַקטאָרן פון העכער 3 מיליאָן פערד־קראַפט. און דאָ פרעגט זיך, נאַטירלעך, יעדער איינער, צי דאָס לאַנד קאָן גאָר פאַרברויכן ווירטשאַפטלעך אַזאַ גרויסע קראַפט, צי וועלן זיך געפינען גענוג־קוואַליפיצירטע טראַקטאָר־שאָפערן פאַר די מאַ־

שינען, און געגוג מאַשינען פאַר די טראַקטאָר-שאָפערן. דער סטערעאָטיפּישער ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע איז, אַז אָט די פּראָדוקציע, וואָס זעט אויס אַזוי גוואַלדיק גרויס, וועט באַלד שוין נישט קלעקן פאַר דעם וואַקסנדיקן באַדאַרף פונם לאַנד. די באָלשעוויקעס זענען איבערצייגט, אַז אין פאַרלויף פון געצײלטע 3 יאָר וועלן זיי שוין גאַנצע 100 מיליאָן העקטאַר באַאַרבעטן מיט דער הילף פון מעכאַנישער קראַפט; די סאָווכאָזן, די קאָלכאָזן, דער פאַרגרעסערטער אויף 40 מיליאָן העקטאַר פאַרזיי-שטח אויף פּאַשע, די פּראָיעקטירטע אויסברייטערונג פון דער ווייצן-זאָנע אויף 20 מיליאָן העקטאַר פרישן באָדן און די פעלדער פאַר בוימוואָל, פלאַקס און אַנדערע טעכנישע פלאַנצן — דאָס אַלץ וועט נישט נאָר איינשלינגען די גאַנצע פּראָדוקציע פון טראַקטאָרן, נאָר עס וועט נאָך נישט קלעקן.

VII. געאָגראַפישע פאַרטיילונג פון פאַרשידענע קולטור-מינים

אין אַ רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע זעט אַלץ אויס מעגלעך, אָנהייבנדיק פון אַן ענדערונג אין קאַלענדאַר ביז צו דער „ליקווידירונג" פון גאָט. טעאָרעטיש איז נישט פאַראַן אַזאַ שווערע זאַך, צו וועלכער די באָלשעוויקעס זאָלן נישט וואַגן זיך צו נעמען. טאָמער ווייזט זיך אַרויס, אַז עפּעס איז יאָ שווער, איז בלויז אַ סימן, אַז מען איז נישט צוגעגאַנגען צו דער זאַך „באָלשעוויסטיש"; געדולד און ווילן קאָנען אפילו די געוואַגטסטע פאַנטאַזיע פאַרוואַנדלען אין ווירקלעכקייט. ווי נאָר עפּעס גייט אין רוסלאַנד נישט גלאַטיק, דערקלערט מען עס גלייך דורך מאַנגל אין אַקטיוויקייט: איניציאַטיוו, ענערגיע און עקשנות מוזן ברענגען דערפאָלג. אין זייער גרענעצלאָזן גלויבן אין דעם אַלמעכטיקן כוח פון ענערגיע און פון שטורם-אָנגריף, פאַרמעסטן זיך די באָלשעוויקעס אויף די וואַנזיניקסטע און שווערסטע פּראָבלעמען.

די דאָזיקע אייגנשאַפט זעען מיר כמעט אויף אַלע געביטן, אָבער אין ערגעץ נישט אַזוי בולט, ווי אינם קאָמיסאַריאַט פאַר לאַנדווירטשאַפט. און פון אַלע גראַנדיעזע פּראָיעקטן, וואָס זענען שוין אַרויס פון דאָזיקן קאָמיסאַריאַט, איז בלי ספק דער סאַמע דרייסטער — דער כּרוו פולשטענדיק אומצואַנדערשן די לאַנדווירטשאַפטלעכע געאָגראַפיע פון לאַנד. ס'איז אַ גאַנץ נאַטירלעכע דערשיינונג, אַז די מעכאַניזירונג פון דער לאַנדווירטשאַפט האָט אַ געוויסן איינפלוס אויף די אַגריקולטור-זאָנעס פון לאַנד, אָבער אין רוסלאַנד זעען מיר עפעס אַנידערש — נישט מער און נישט ווייניקער, ווי אַ שטרעבונג אומצואַנדערן די קולטור-פיזיאָנאָמיע פון ראַיאָנען, וואָס איז שוין אַלט הונדערטער יאָרן. דער סאַמע געפערלעכסטער און משונה-דרייסטסטער פּראָיעקט איז — דאָס איבעררוקן די ווייצןזאָנע ביז צו דער גרענעץ פון אַזיע.

די וויכטיקסטע תבואה-געביטן פון רוסלאַנד זענען היינט צו טאָג: אוקראַינע, קובאַן-געגנט, צפון-קאַווקאַז. מיטאַמאָל האָבן די באָלשעוויקעס זיך אַרומגעזען, אַז ס'איז אַ פאַרשווענדעריי צו זייען ווייץ אין די דאָזיקע געביטן. ס'איז אַ סך צוועקמעסיקער אויסצונוצן אָט די געביטן פאַר מער ווערטפולע קולטורן, ווי סאָיע, קערן-בלומען א. ד. גל. ווייץ קאָן מען אויך זייען אויף אַ באָדן, וואָס איז צו טרוקן פאַר קאָנצענטרירטע קולטור-מינים. און פון דעם שטאַנדפּונקט האָבן זיי גענומען זייען ווייץ אין די געגנטן פון יענער זייט וואָלגאַ, אין קאַזאַקיסטאַן און אין דרום-מזרח פון סיביר. די דאָזיקע געגנטן כאַפּן אַרום אַ שטח פון אַן ערך 400 מיליאָן העקטאַר, וואָס ביז איצט זענען פון זיי קוים אַ 35 מיליאָן העקטאַר געוואָרן קולטיווירט. אין די נאָענטסטע 3 יאָר זאָל דער פאַרזיי-שטח פאַרגרעסערט ווערן אויף פרישע 20 מיליאָן העקטאַר, דערפון 8 מיליאָן אין וואָלגאַגעביט, פון 8 ביז 10 מיליאָן אין קאַזאַקיסטאַן און אַ 4—5 מיליאָן אין סיביר.

כדי צו באַנעמען די דרייסטקייט פון דעם יינגן קאָמיסאַר פאַר לאַנדווירטשאַפט אין איר גאָרער גרויס, מוז מען געדענקען, אַז דער רוב פון אָט די געביטן ליגן אין דער טרוקענער זאָנע, און זענען זייער ווייניק באַפעלקערט און פאַרמאָגן נאָך גאָר אַ פרימיטיווע לאַנדווירטשאַפט. אפילו יאַקאָוולעוו אַליין גיט צו, אַז דער פּלאַן קלינגט פאַנטאַסטיש, ער איז אָבער איבערצייגט, אַז ביי מעכאַניזירטע מעטאָדן פון אַרבעט קאָן מען דעם פּלאַן אויספירן. די אַרגומענטן, מיט וועלכע יאַקאָוולעוו האָט באַגרינדעט זיין פּלאַן אויפן קאָנגרעס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און וועלכע האָבן דאָרט געפונען אַ באַגייסטערטע צושטימונג, זענען אַזוי טיפיש פאַר דעם באָלשעוויסטישן גייסט, אַז איך האַלט פאַר נויטיק זיי איבערצוגעבן ווערטלעך:

„**דער** שליסל צו דער לייזונג פון דער פּראָבלעם ליגט אין דעם, אַז מיר נעמען אונטער דעם פּרוּוו מיט אַ מינימום פון מענטשן און בהמות; אַזוי אַרום וועלן מיר פאַרשפּאָרן האַלטן גרויסע רעזערוון פון תבואה, וועלכע וואָלטן נויטיק געווען אויפן פאַל פון אַ נישט-גערעטעניש, כדי צו קאָנען דערנערן די מענטשן און בהמות. מיט אַנדערע ווערטער, מיר קאָנען באַאַרבעטן די דאָזיקע געביטן מיט מעכאַנישער קראַפט און אויסנוצן די אַרבעט-מעגלעכקייטן פון די מאַשינען ביז צו דער לעצטער מדרגה. איין מענטש וועט זיין גענוג אויף צו באַאַרבעטן 200 העקטאַר ערד; אַז דאָס איז מעגלעך, באַווייזן אונזערע דערפאַרונגען אין די סאָווכאָזן, ווו ס'פאַלט צומאָל אויס 210 העקטאַר אויף איין אַרבעטער. און דאָס איז נאָך אויך נישט די העכסטע גרענעץ, מיר קלערן גאָר נישט צו בלייבן שטיין ביי דער נאָרמע. און אויב אַזוי, דאַן קאָן מען לייזן די ווייץ-פּראָבלעם דורך גאָר אַ קליינער פאַרגרעסערונג פון דער דאָרטיקער באַפעלקערונג; מיר ברויכן צו באַזעצן נאָר אַ קליינע גרופּע מענטשן און פאַרווענדן די אַרבעט-קראַפט פון יעדן איינעם ביז אַ פופצן מאָל פּראָדוקטיווער, ווי דאָס קומט פאַר איצט.

מיר וועלן דערביי אָנווענדן די זעלביקע סיסטעם, וואָס ביי די
טראַקטאָר-סטאַציעס און ביי די סאָווכאָזן; די נייע אונטערנע-
מונגען וועלן זיך אונטערשיידן פון די ביז-איצטיקע בלויז דער-
מיט, וואָס זיי וועלן אַרומנעמען נישט צענער-טויזנטער, נאָר הונ-
דערטער-טויזנטער העקטאַר ערד. מיר וועלן דאָ אין יעדן מאַ-
יאָנטעק אויסבויען נאָר די איינפאַכסטע און נויטיקסטע געביידעס,
די זעלביקע געביידעס וועלן מוזן גענוג זיין פאַר אַ פיל גרע-
סערן שטח. אַ צווייטער וועזנטלעכער אונטערשיד פון די ביז-
איצטיקע סאָווכאָזן וועט באַשטייען אין דעם, אַז ס׳וועלן דאָ ווערן
אָנגעווענדט אַ סך ווייניקער קאָמפּליצירטע מאַשינען, ווי אין די
סאָווכאָזן. די ערגערע גערעטעניש וועט דאָ קאָמפּענסירט ווערן
דורך אַ פאַרגרעסערטן שטח. נאַטירלעך, אַז ס׳איז פאַראַן די
געפאַר פון פעריאָדישע נישט-גערעטענישן, ווייל קעגן אַ נישט-
גערעטעניש אין דער טרוקענער זאָנע איז נישט פאַראַן נאָך ביז
איצט קיין באַוואָרעניש. און מיר ברויכן גאָר נישט קיין שום
באַוואָרענישן קעגן אַ נישט-גערעטעניש, נאָר בלויז קעגן אַ הונ-
גער-נויט; מיר וועלן דעריבער נעמען אַ וואָס גרעסערן פאַרזיי-
שטח, און וועלן דערצו נאָך האַלטן אַ רעזערוו פון תבואה און
זריעה אויפן פאַל פון אַ נישט-גערעטעניש. דערמיט זענען אַלע
נויטיקע פאָרבאַדינגונגען אויסגעפילט, און דאָס פאַנטאַסטישע
בילד קאָן ווערן ווירקלעכקייט. ביז צום פרילינג 1933 וועלן מיר
שוין פאַרמאָגן פון 20 ביז 50 מיליאָן העקטאַר נייעם ווייץ-
באָדן".

ווייניקער אויפפאַלנדיק, אָבער נישט ווייניקער ראַדיקאַל
זענען אויך די איבעריקע פאָרשלאַגן, ווי אויפסניי געאָגראַפיש
צו פאַרטיילן די קולטורן — וועלכע ס׳האָט פאָרגעלייגט דער
רעגירונג „דער אינסטיטוט פאַר עקאָנאָמיע און אָרגאַניזאַציע פון
דער סאָציאַליסטישער לאַנדווירטשאַפט", אַ פיליע פון דער לע-
נין-אַקאַדעמיע. די רעגירונג האָט די דאָזיקע פאָרשלאַגן אָנגע-
נומען, און דאָס לאַנד וועט לויט זיי איינגעטיילט ווערן אויף
זאָנעס:

די ערשטע זאָנע איז באַשטימט פאַר טעכנישע פלאַנץ-

קולטורן און פאַר אינטענסיווער פּי־צוכט; די וועט אַרומנעמען דרום־מערב אוקראַינע, די שוואַרץ־ערד־געגנט, צפון קובאַן און אייניקע טיילן פון וויטן מזרח. דאָ זאָלן געזייט ווערן קאָנאָפּליע, צוקער, בוראַקעס, קוקורוזע, אַרבעס, טאַבאַק, בוימוואָל און קערן־בלומען.

די צווייטע זאָנע איז פאַר פלאַקס, מילך־פּראָדוקטן און האָנדלס־גערטנעריי. זי באַשטייט פון גרויסע שטרעקעס וויסטעניש און פּאַשע פעלד אין די תּבואה־קאָנסומירנדיקע ראַיאָנען פון דעם באַלטיק — איבער מאָסקווע, ביז צום אוראַל.

די דריטע זאָנע איז באַשטימט פאַר טראָפּישע פלאַנץ־קולטורן און זי ציט זיך פון דרום־קרים איבער קאַווקאַז ביז אין מיטל אַזיע. דאָ זאָל הויפּטזעכלעך געזייט ווערן בוימוואָל, טיי, ווײַנטרויבן, פלוימען, עפּל, מעלאָנען און פּאָמעראַנצן; די רעגירונג וויל אויף אָט דעם שטח שאַפן אַ רוסישע פלאָרידע און קאַליפאָרניע.

די פערטע זאָנע א'ז פאַר עקסטענסיווער פּי־צוכט און געפינט זיך אין די באַרגיקע טיילן פון דער בוריאַטיש־מאָנגאָלישער רעפּובליק און אין די דרום־מזרחדיקע סטעפּעס פון יענער זייט וואָלגאַ. דאָ פירן זייער טעטיקייט די ביידע פּי־צוכט־טרעסטן; דער „רינדער־צוכטער“ און דער „שאָף־צוכטער“. (דער „חזרים־צוכטער“ איז טעטיק הויפּזעכלעך אין די ערשטע צוויי זאָנעס).

די פינפטע זאָנע אָדער די וואַלד־זאָנע ציט זיך פון אַרכאַנגעלס ביז צום שטילן אָקעאַן און פאַרנעמט אַן ערך אַ פערט חלק פון גאַנצן לאַנד. דער אינסטיטוט פאַר סאָציאַליסטישער לאַנד־ווירטשאַפט באַטראַכט דעם געביט אַלס רעזערוואָדן פאַר דער לאַנדווירטשאַפט.

דאָס זענען אין קורצן די גרונטשטריכן פון אָט דעם ריזיקן פּראָיעקט, וואָס דורות זענען נויטיק ביז ער זאָל אינגאַנצן פאַרווירקלעכט ווערן. עס איז אָבער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם אָפּטימיזם פון די רוסישע מאַכטהאָבער, אַז זיי גלויבן מיט דער גאַנצער ערנסטקייט, אַז זיי וועלן פאַרווירקלעכן אָט די פּראָגראַם אין פאַרלויף פון עטלעכע געציילטע יאָר.

VIII. כּך הכּל

איך האָב פּרובירט אין דער אָפּהאַנדלונג צו געבן אַ בילד פון דעם, מיט וואָס פּאַראַ דרייסטע און גראַנדיעזע פּראָיעקטן די באָלשעוויקעס ווילן סאָציאַליזירן די רוסישע לאַנדווירטשאַפט. צי וועט זייער פּלאַן געלינגען? איך האָב שוין פריער געזאָגט, אַז די רוסישע רעגירונג האָט זיך געשטעלט צוויי צילן: דער ערשטער איז צו העכערן די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע דורך מעכאַניזירונג און דורך פאַרייניקן די פּויערשע ווירטשאַפטן אין גרויסע קאָלכאָזן. די דאָזיקע באַוועגונג געפינט זיך ערשט אין איר אָנפאַנג סטאַדיע. אָבער מ׳קאָן, לויט מיין איבערצייגונג, שוין איצט זאָגן, אַז די פּויערים האָבן זיך שוין איינגעלעבט מיט דער מעכאַניזירטער טעכניק. די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער מעכאַניזירונג איז אינגאַנצן אָפּהענגיק פון דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריאַליזירונג פון רוסלאַנד, ד. ה. דערפון, צי די אינדוסטרי וועט קאָנען אויסאַרבעטן די מאַשינען, וועלכע זענען נויטיק צו דער מעכאַניזירונג, און צושטעלן זיי אין אַ גענוגנדער צאָל. וואָס איז שייך דעם קאָאָפּעראַטיוון פּרינציפּ און די פאַרייניקונג פון די פּויערישע ווירטשאַפטן, שיינט מיר, אַז ביי דער מעכאַניזירטער לאַנדווירטשאַפט וועט די קאָלעקטיוויזאַציע גאָר פּשוט אַ מוז-זאַך. ווי באַלד עס הויבן אָן צו אַרבעטן טראַקטאָרן און לאָקאָמאָבילן אין אַ גרעסערן פאַרנעם — מוזן פאַרשווונדן ווערן די קליינע פּויערישע ווירטשאַפטן.

גאַנץ אַנדערש זעט עס אויס מיטן צווייטן ציל פונם פינפיאָרפּלאַן — מיטן איינפלאַנצן דעם סאָציאַליזם אין דאָרף. ס׳וואָלט געווען נאַריש אַרויסצוזאָגן איבער דער פראַגע אַ דאָגמאַטישן (קאַטעגאָרישן) ענטפער, ווייל ס׳פעלט אונז יעטוועדער יסוד פאַר אַזאַ דיסקוסיע. מיר ווייסן מער נישט, ווי, אַז די צוואַנג-מיטלען, מיט וועלכע מ׳האָט געוואָלט אין לעצטן יאָר „פּאַרטיפן" די קאָלעקטיוויזאַציע און איר צוגעבן אַ קאָמוניסטישע באַפאַרבונג — זענען אַדורכגעפאַלן. מעכאַניזירונג און אפילו

קאָלעקטיוויזירונג שאַפן נאָך נישט אַליין פאַר זיך קיין קאָמוניזם, פונקט ווי דורך צוואַנג אַליין מאַכט מען נישט קיינעם פאַר אַ קאָמוניסט. אפילו די סאַמע אָפּטימיסטישסטע און אומגעדולדיקסטע באָלשעוויקעס גיבן צו, אַז די קאָלעקטיוויזירונג איז קוים ערשט אַ וועג — און דאָס אַ ווייטער וועג — צום סאָציאַליזם, און אַז דער וועג קאָן זיך נאָך אַרויסווייזן ווייטער און שווערער, ווי זיי האָבן גערעכנט. אָבער הגם די פאַקטן ריידן קעגן דער קאָמוניזירונג פון די דערפער, זענען אָבער פאַראַן געוויסע פאַקטאָרן, וועלכע מאַכן אַזאַ אַנטוויקלונג ווייניקער אוממעגלעך, ווי דאָס קאָן זיך דאַכטן. דער וויכטיקסטער פון אָט די פאַקטאָרן איז — לויט מיין מיינונג — די פולשטענדיק נייע לעבנס-אָריענטאַציע, וואָס מיר באַמערקן ביי דעם יינגן דור.

אינהאלט:

ערשטער טייל

רוסלאַנד אין יאָר 1930

I. דער פינפיאָרפּלאַן 3
II. די פּראָפּאַגאַנדע פאַר „מער אַרבעט!” . . 12
III. סאָציאַליסטישע געוועטן . . . 15
IV. וואונדער — אָבער פאַר וואָסער פּרייז . . 19
V. באַפעלקערונג-פּראָבלעמען . . . 21

צווייטער טייל

די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע

I. דער אינערלעכער מאַרק 24
II. דער טעמפּ 27
III. די אַרבעטער-פּראָבלעם 30
IV. די לאַסט פון די קאָסטן . . . 34
V. די אינפלאַציע 44
VI. די דער גאַנג פונם פּלאַן . . . 46
VII. די הויפּט-צווייגן פון דער אינדוסטרי . . 52

דריטער טייל

די אַגראַר־רעוואָלוציע

I. דער קריזיס 61
II. די מלוכהשע ווירטשאַפטן (סאָווכאָזן) . . 67
III. די קאָלעקטיוויזאַציע 77
IV. דער פּי־קריזיס 96
V. פלאַקס און בוימוואָל 101
VI. טראַקטאָרן, אַקער־מכשירים און מאַשינען . 104
VII. געאָגראַפישע פאַרטיילונג פון פאַרשידענע קולטור־מינים 107
VIII. סך־הכל 112